בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח

240

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

**היכל הקודש ברסלב**
Heichal Hakodesh Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב**
**בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Liberty, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com
צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול**
**ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די**
**אידישע שטוב**
**212-444-9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וָואס מֵיינְט דֶער חָלוֹם אַז מַיינֶע צֵיינֶער זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעפַאלְן?..........................א
אַז מֶען קֶען נִישְׁט עֶסְן מִילְכִיגְס, אִיז דָאס אַ גֶעזוּנְט פְּרָאבְּלֶעם פַאר אַ שִׁידוּךְ? ....ב
דִי טוֹיעֶרְן פוּן הִימְל זֶענֶען דָאךְ אָפְן, פַארְוָואס נִישְׁט מַאכְן טֵייעֶרֶע חֲתוּנוֹת?........ג
דֶעם רֶבִּינְ'ס חִיזוּק הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אוּן גֶערַאטֶעוֶועט ................................ו
וֶועלְכֶע סְפָרִים קֶענֶען מִיר הֶעלְפְן בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן?........ט
וִוי אַזוֹי בִּין אִיךְ מְחַזֵק מַיין וַוייבּ אַז קִינְדֶער אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ?.........................יב
דוּרְכְ'ן דֶערְמַאנֶען נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים קֶען מֶען טוֹישְׁן דִי טֶבַע .......................יג
קֶען אַ מְלַמֵד אוֹיךְ אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן?........................יד
וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן מַיין מַאן זָאל גֵיין דַאוֶוענֶען?.............................יח


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


תִּיקוּנֵי זוֹהַר אִיז אַ בָּאד פַאר דִי נְשָׁמָה..................................................א
אִיךְ בִּין דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט....................................א
אַכְטוּנְג גֶעבְן וָואס אִיר לֵייגְט אַרַיין אִין בְּלֶעטְל .....................................ב
סֵפֶר "גִּדְרֵי מוֹעֲדִים", הֲלָכוֹת וּמִנְהָגִים אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח. ...........................ג
'עֶס אִיז גֶעוֶוען כְּדַאי דִי גַאנְצֶע הִתְקָרְבוּת נָאר כְּדֵי צוּ הֶערְן דֶעם בְּרִיוּו' .............ד
אַ דַאנְק פַארְ'ן בָּארְגְן אַ סֵפֶר תּוֹרָה פַאר דִי בֵּית הַמֶדְרָשׁ ...............................ח

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט צוּ מְתַרְגֵּם זַיין דִי בְּרִיוְון.........................ט

בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶרֶךְ אֶרֶץ אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת.................................................ט

וֶוער עֶס טוּט פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן, דֶער בַּאקוּמְט אַ בְּרָכָה אִין זַיין צַייט ...............י

אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר צַייטוּנְג הָאט אַבִּיסְל נַייעֶס,
אוּן דֶער עִיקָּר תּוֹרָה, תְּפִילָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם...................................................... יא

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וָואס מֵיינְט דֶער חָלוֹם אַז מַיינֶע צֵיינֶער זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעפַאלְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַּארְצִיטֶערְט. אִיךְ הָאב גֶעהַאט אַ חָלוֹם אַז פוּן אֵיין סֶעקוּנְדֶע אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זֶענֶען רוֹב פוּן מַיינֶע צֵיינֶער אַרוֹיסְגֶעפַאלְן, אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן גֶעהֶערִיג צוּלִיב דִי אַרוֹיסְגֶעפַאלֶענֶע צֵיין אוּן אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פוּן דֶעם זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט. אִין חָלוֹם בִּין אִיךְ גֶעלָאפְן אִין שְׁפִּיטָאל מִיט אַ זֶעקְל מִיט דִי אַרוֹיסְגֶעפַאלֶענֶע צֵיינֶער, אָבֶער זֵיי הָאבְן מִיר גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן.

אִיךְ הָאב בִּכְלַל נִישְׁט גֶעטְרַאכְט בַּייטָאג פוּן אַזַא סָארְט זַאךְ, וָואס קֶען דָאס מֵיינֶען?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ה׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, כ׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר פְרַאגֶע.

אִיר דַארְפְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְן פוּן דֶער חָלוֹם, אַזַא מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט בַּיים רֶבִּי׳ן. אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, עֶר הָאט זִיךְ גֶע׳חָלוֹמְ׳ט אַזַא חָלוֹם וָואס אִיר הָאט גֶע׳חָלוֹמְ׳ט, אַלֶע צֵיינֶער זֶענֶען אִים אַרוֹיסְגֶעפַאלְן; עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן אַז עֶר הָאט מוֹרָא, וַוייל צֵיינֶער אִיז מְרַמֵּז אוֹיף חָכְמָה, יֶעצְט וַוייזְט מֶען אִים פוּן הִימְל אַז עֶר גֵייט פַארְלִירְן זַיינֶע חָכְמוֹת. הָאט אִים

דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תנז): "אַדְּרַבָּה הַשְּׁטוּת שֶׁלְּךָ יִתְבַּטֵּל", דַיינֶע שְׁטוּתִים זֶענֶען דִיר אַוֶועקְגֶעפַאלְן, פוּן יֶעצְט וֶועסְטוּ מֶער נִישְׁט הָאבְּן דִי נַארִישֶׁע זַאכְן.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶועט זַיין בַּיי אַייךְ, פוּן יֶעצְט וֶועט אִיר מֶער נִישְׁט הָאבְּן דִי אַלֶע נַארִישֶׁע מַחֲשָׁבוֹת.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אֱמוּנָה; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אוּן וֵוייסְט אַז 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נָאר עֶר מַאכְט אַלֶעס, נָאר עֶר טוּט אַלֶעס; קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט הֶעלְפְן אוּן קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן אוּן שְׁלֶעכְטְס טוּן' - דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע מֶעדֶעצִין, דָאס אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע טֶערֶעפִּי, דִי רֵיינְסְטֶע זַאךְ.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, הַיינְט אִיז אַ וֶועלְט פוּן פְּסִיכִילָאגְן, יֶעדֶע מִינוּט קוּמֶען אַרוֹיס נֵייעֶ מֶעטָאדְן, נֵייעֶ מְהַלְכִים וִוי אַזוֹי צוּ הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן מִיט גֵייסְטִישֶׁע פְּרָאבְּלֶעמֶען; דִי בֶּעסְטֶע פְּסִיכִילָאגְיֶע אִיז אֱמוּנָה, אֱמוּנָה אִיז אַ רְפוּאָה פַּאר אַלְצְדִינְג; וִוי נָאר דֶער מֶענְטְשׁ חַזֶר'ט: "אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ", "מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ" - פַּאלְט אַוֶועק אַלֶע דִמְיוֹנוֹת, אַלֶע פְּחָדִים אוּן אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת.

ווִאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס חַזֶר'ט אֱמוּנָה, אוּן חַזֶר'ט מִיט אַנְדֶערֶע אֱמוּנָה; עֶס וֶועט אִים גָארְנִישְׁט פֶעלְן, עֶר וֶועט שְׁפִּירְן דִי טַעַם פוּן גַּן עֵדֶן בְּזֶה הָעוֹלָם.

...

## אַז מֶען קֶען נִישְׁט עֶסְן מִילְכִיגְס, אִיז דָאס אַ גֶעזוּנְט פְּרָאבְּלֶעם פַּאר אַ שִׁידוּךְ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַלְץ, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ שִׁידוּכִים זָאל מֶען קוּקְן אוֹיף גֶעזוּנְט.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן, אַ מֵיידְל וָואס הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט מִילְכִיגְס, אִיז דָאס אַ גֶעזוּנְטְהֵייט פְּרָאבְּלֶעם אָדֶער נִישְׁט?

יִישַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וָאֵרָא, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**נֵיין.**

**אַז מֶען עֶסְט נִישְׁט מִילְכִיגְס, אָדֶער אַנְדֶערֶע עֶסְן - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם.**

**מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט צוּ וֶועלְן אִין דִי וֶועלְט אַרַיין; מֶען קוּקְט אוֹיף גֶעזוּנְט, אוֹיף גוּטֶע מִידוֹת אוּן מֶען טְרֶעפְט זִיךְ אֵיינְמָאל, צְוֵויי מָאל; מֶען קוּקְט אוֹיבּ אִיז דָא חֵן אוּן מֶען פַארְמַאכְט דִי שִׁידוּךְ.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

## דִי טוֹיעֶרְן פוּן הִימְל זֶענֶען דָאךְ אָפְן, פַארְוָואס נִישְׁט מַאכְן טֵייעֶרֶע חֲתוּנוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק אוּן עֵצוֹת וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי שִׁיעוּרִים אוּן פוּן דִי בְּרִיוו אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

אִיךְ וואוּנְדֶער מִיר, אוּן אוֹיבּ אִיר קֶענְט מִיר עֶס עֶרְקְלֶערְן וֶועל אִיךְ מִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז אִיר שְׁטֶעלְט צוּ חֲתוּנוֹת פַאר מֶענְטְשְׁן אִין אַייעֶר קְהִלָּה פַאר אוּמְזִיסְט. דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע חָשׁוּבֶ'עֶ זַאךְ, אוּן עֶס וָואלְט גֶעוֶוען גֶעוַואלְדִיג וֶוען מֶען קֶען עֶס אַיינְפִירְן אוֹיךְ אִין אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער. אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אָבֶּער אֵיין זַאךְ; מֶען זָאגְט אַז וֶוען מֶען מַאכְט חֲתוּנָה, עֶפֶענֶען זִיךְ דַאן דִי טוֹיעֶרְן פוּן הִימְל, אוּן מֶען זָאל נִישְׁט שְׁפָּארְן. אִיז ווִי שְׁטֶעלְט זִיךְ עֶס אָפּ? פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט מַאכְן אַ טֵייעֶרֶע חֲתוּנָה אוֹיבּ דִי טוֹיעֶרְן זֶענֶען סַיי ווִי אָפְן? אִיךְ מַיין אַייךְ נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אָפְּצוּפְרֶעגְן, אַדְרַבָּה, אִיךְ וָואלְט אַייךְ גֶעוָואלְט נָאכְטוּן, אִיךְ בִּין נָאר פָּשׁוּט אַבִּיסְל צֶעמִישְׁט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בֹּא, כ״ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט חוֹזֵק מַאכְן, אָדֶער דוּ בִּיסְט טַאקֶע צֶעמִישְׁט; קֶען זַיין דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט קַיין קִינְדֶער, דוּ וֵוייסְט נִישְׁט בְּצַעֲרָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל, דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער בְּעֵת שִׂמְחָתָם... טַייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת גֵייעֶן צוּגְרוּנְד וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער, מֶען גֵייט אַרַיין אִין שְׁוֶועֶרֶע חוֹבוֹת, בִּיז מֶען וֶוערְט פָּשׁוּט קְרַאנְק, עֶס טְרֶעט זֵיי צוּ צוּם גֶעזוּנְט.

אַ גַבְּאַי צְדָקָה דֶערְצֵיילְט: אִיךְ נֶעם צוּזַאם גֶעלְט פַאר אַ צְדָקָה צְוֶועק, אִיךְ גֵיי אִין שׁוּלְן אוּן אוֹיךְ בַּיי שִׂמְחוֹת, פַּאסִירְט אַמָאל בַּיי אַ חֲתוּנָה, אִיךְ גֵיי צוּם מְחוּתָּן, אוּן ווִי גֶעוֶועְנְלִיךְ אֵיידֶער אִיךְ בֶּעט דִי מְחוּתָּנִים גֶעלְט, מַאךְ אִיךְ זִיכֶער אַז יֶענֶער אִיז טַאקֶע דֶער מְחוּתָּן, פְרֶעג אִיךְ דֶעם מְחוּתָּן: ״אַנְטְשׁוּלְדִיגְט, אִיר זֶענְט דֶער בַּעַל שִׂמְחָה דָא?״ זָאגְט מִיר יֶענֶער: ״דוּ זוּכְסְט דֶעם בַּעַל שִׂמְחָה? קוּם אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזְן וֶוער עֶס אִיז דֶער בַּעַל שִׂמְחָה״; אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעווּסְט וָואס דָא גֵייט פַּאסִירְן, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז מִן הַסְתָּם הָאבּ אִיךְ זִיךְ טוֹעֶה גֶעוֶוען. אִיךְ גֵיי מִיט אִים, עֶר טְרָאגְט מִיר אַרוֹיס פוּן זַאל, אַרַיין אִין אָפִּיס, דָארְט זִיצְט דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּנֶעם זַאל; עֶר וַוייזְט מִיר: ״דָא הָאסְטוּ, עֶר אִיז דֶער בַּעַל שִׂמְחָה״; מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן זָאגְט עֶר מִיר: ״דוּ זוּכְסְט דֶעם בַּעַל שִׂמְחָה? אִיךְ בִּין דֶער בַּעַל חוֹב, אִיךְ בִּין נִישְׁט דֶער בַּעַל שִׂמְחָה; בֶּעט אִים צְדָקָה, עֶר הָאט הַיינְט נַאכְט גֶעמַאכְט פוּן דִי חֲתוּנָה שְׁוֶועֶרֶע טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער״; דֶער גַבְּאַי צְדָקָה זָאגְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעווּסְט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין דִי זַייט אוּן גֶעוֵויינְט.

דִי אַלֶע וָואס מַאכְן חוֹזֵק פוּן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וָואס מַאכְן חֲתוּנָה פָּשׁוּט, מֶען מַאכְט דִי שִׂמְחוֹת אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אָדֶער אִין אַן אוּמְזִיסְטִיגֶע

פְלַאץ, אָן קֵיין רַעַשׁ, אָן קַיין אִיבְּרִיגֶע זַאכְן, אַזוֹי וִוי דִי מְסוֹרָה אִיז; אַזוֹי וִוי אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט, אַזוֹי וִוי מֶען הָאט זִיךְ גֶעפִירְט אִינְדֶערְהֵיים, מֶען הָאט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט אִין שׁוּל; דִי אַלֶע, אָדֶער זֶענֶען זֵיי עֲשִׁירִים - זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וִוי מֶענְטְשְׁן מוּטְשֶׁען זִיךְ בַּיים מַאכְן שְׂמְחוֹת, אָדֶער הַאלְטְן זֵיי נָאכְנִישְׁט בַּיי חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער, אָדֶער זוּכְן זֵיי סְתָּם אַזוֹי חוֹזֶק צוּ מַאכְן פוּן בְּרֶסְלֶב; אַנְדֶערְשׁ וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט חוֹזֶק גֶעמַאכְט.

עֶס הָאט נִישְׁט צוּטוּן אוֹיב מֶען הָאט גֶעלְט אָדֶער נִישְׁט; אַז דִי הִימְל עֶפְנְט זִיךְ בַּיי אַ שִׂמְחָה אוּן עֶס קוּמְט שֶׁפַע מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען מֶעג אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט צוּ בַּאקוּמֶען כָּבוֹד וְכַדוֹמֶה. אוֹיסֶער דֶעם אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת, אַז דִי פְּשׁוּטֵי עָם וָואס הָאבְּן נִישְׁט אוּן פַארְמָאגְן נִישְׁט - דַארְפְן זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן אוּן מַאכְן זֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת אוֹיף דֶעם אוֹפָן, דִי קִינְדֶער ווִילְן דִי זֶעלְבֶּע שִׂמְחוֹת וִוי דִי חֲבֵרִים, אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט דִי גֶעלְטֶער הַאלְט מֶען זִיךְ אָפּ פוּן מַאכְן שִׁידוּכִים מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען לָאזְט דִי קִינְדֶער וֶוערְן עֶלְטֶער. דִי קִינְדֶער פַאלְן נֶעבֶּעךְ אִין עֲבֵירוֹת, זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין; קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דִי בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ גֵייעֶן אַרִיבֶּער, זֵיי ווִילְן זַיין עֶרְלִיךְ אָבֶּער זֵיי פַאלְן, אוּן וֶוען מֶען מַאכְט שׁוֹין אַ שִׁידוּךְ דַארְף מֶען בָּארְגְן גֶעלְט, מֶען וֶוערְט אַ בַּעַל חוֹב הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

מוֹהֲרַאְ"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַזוֹיפִיל גֶעשְׁרִיבְּן אַז מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט בַּיי שִׂמְחוֹת פַאר נַארִישֶׁע נִישְׁטִיגֶע זַאכְן; מוֹהֲרַאְ"שׁ זָאגְט, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען נֶעמֶען דִי גֶעלְט אוּן גֶעבְּן פַאר דִי פָארְפָאלְק זֵיי זָאלְן קֶענֶען לֶעבְּן, זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי פִיס.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס בִּשְׁעַת אַ שִׂמְחָה מַאכְט מֶען זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ מִיט זַייטִיגֶע זַאכְן, מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען קֶען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער. מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי שִׂמְחָה, מֶען מַאכְט חֲתוּנָה דִי קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְבָמוֹת סב:): "הַמַּדְרִיךְ בָּנָיו וּבְנוֹתָיו בְּדֶרֶךְ יְשָׁרָה", דֶער וָואס אִיז מְחַנֵּךְ דִי זִין אוּן טֶעכְטֶער, "וְהַמַּשִּׂיאָן סָמוּךְ לְפִרְקָן", אוּן עֶר מַאכְט חֲתוּנָה דִי קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט, אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (אִיּוֹב ה, כד): "וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דֶעם רֶבִּינְ׳ס חִיזוּק הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אוּן גֶערַאטֶעוֶועט

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ זִיץ דָא אִין אַ שְׁפִּיטָאל מִיט מַיין וַוייבּ, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ מוּז שׁוֹין יֶעצְט נֶעמֶען דִי פֶּענֶע אִין דִי הֶענְט זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אֵיידֶער אִיךְ שְׁרַייבּ מַיינֶע וֶוערְטֶער וִויל אִיךְ קוֹדֶם אַרוֹיסְגֶעבְּן מַיינֶע רִגְשֵׁי הַלֵּב וָואס לִיגְן שׁוֹין לַאנְג בַּיי מִיר אֶנְגֶעלֵייגְט אוֹיפְ'ן הַארְצְן, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין עֶטְלִיכֶע מָאל גֶענוּמֶען דִי פֶּענֶע אִין מַיין הַאנְט אוּן לֹא אִסְתַּייעָא מִילְתָא.

עֶרְשְׁטְנְ'ס דַאנְק אִיךְ דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ הָאבּ דִי זְכִיָ' זִיךְ צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל פוּן רֶבִּי'ן, פוּן דִי עֵצוֹת אוּן הַנְהָגוֹת, נֶעמֶען דִי יְסוֹדוֹת פַארְ'ן לֶעבְּן אוּן שְׁטֵייגְן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. סְפֶּעצִיעֶל וִויל אִיךְ דַאנְקֶען פַארְ'ן גוּטְן שָׁלִיחַ - דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א; אִיךְ לֶעבּ פוּן דִי שִׁיעוּרִים, מַיין לֶעבְּן הָאט בַּאקוּמֶען אַ תַּכְלִית, עֶס הָאט מִיר גֶעטְוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן - בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אִין עִנְיָנֵי קְדוּשָּׁה אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אוֹיף דִי טֶעגְלִיכֶע לֶעבְּנְ'ס שְׁטֵייגֶער, תּוֹרָה, תְּפִלָּה, שְׁלוֹם בַּיִת, תְּשׁוּבָה, מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, מַקְפִּיד זַיין אוֹיף מְנָיָן, הַכָּרַת הַטּוֹב, רֶעדְן שֵׁיין אוּן אֵיידְל, מִידוֹת טוֹבוֹת, אַ רִיכְטִיגֶע בְּלִיק אוֹיף דִי קִינְדֶער סֵיי דִי אֵייגֶענֶע אוּן סֵיי פְרֶעמְדֶע; עֶס אִיז נִישְׁטָא דִי פַּאסִיגֶע וֶוערְטֶער צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין שְׁלִיחַ אוֹיף דֶעם אַלֶעס.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ אַבִּיסְל אַרוֹיסְגֶעבְּן, אִין קוּרְצְן, אַ קְלֵיין חֵלֶק פוּן מַיינֶע הֶרְגֵּשִׁים פוּן מַיין זַיין דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אִין אוּמַאן. טִינְט וֶועלְן זִיךְ עֶנְדִיגְן אוּן בְּלֶעטֶער וֶועט נִישְׁט זַיין גֶענוּג צוּ קֶענֶען אַרוֹיסְגֶעבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אוּן מִיטְגֶעהַאלְטְן אִין דִי קוּרְצֶע צְווֵיי אִין זִיבֶּעצִיג שָׁעוֹת וָואס אִיךְ בִּין דָארְט גֶעוֶוען, אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי אוֹיפְנֶעמֶען פוּן דִי חֲבֵרִים פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם כִּמְעַט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוּן מֶען הָאט מִיר אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט אַזַא גוּטֶע גֶעפִיל, כְּאִילוּ מֶען אִיז שׁוֹין חֲבֵרִים יָארְן לַאנְג, דֶערְנָאךְ דִי סְלִיחוֹת עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דָאס דַאוֶוענֶען עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דִי שִׁיעוּרִים,

אַזַא דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט, שׁוֹין אָפְּגֶערֶעדְט פוּן דִי תְּפִלּוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַלֵיין, דִי הִתְעוֹרְרוּת אוּן דִי וַוארֶעמְקֵייט, דִי נָאנְטְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹי! אַ שָׁאד אַז עֶס הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט, אַזַא אַנְגֶענֶעמְקֵייט בַּיי דִי סְעוּדוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן דִי שִׁיעוּרִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַארְנַאכְטְס, פֶּערְל וֶוערְטֶער הָאבְּן זִיךְ גֶעגָאסְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען כַּמַּיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵפָה, צוּ הָאבְּן דִי רִיכְטִיגֶע בְּלִיק אִין יוֹם טוֹב אוּן אִין לֶעבְּן, הַלְוַאי הַלְוַאי זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין נָאכְאַמָאל אִיבֶּער אַ יָאר.

וָואס אִיז בִּכְלַל מֶעגְלִיךְ צוּ שְׁרַייבְּן אוֹיף דִי פְּתִיחוּת הַלֵּב אוּן הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען בַּיים צִיּוּן אוּן בַּיי דִי הִתְבּוֹדְדוּת שְׁפֶּעטֶער. אַ שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק אִיז מִיר גֶעוֶוען דִי הֲכָנָה וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן אַרוֹיפְגֵיין צוּם צִיּוּן פַארְטָאגְס, אַז עֶס אִיז גֶענוּג צוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, ווַייל וֶוען נִישְׁט וָואלְט אִיךְ שְׁטַארְק צֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן, אוּן מִיט דִי וֶוערְטֶער הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעקֶענְט שְׁטַארְקְן.

אֶפְשָׁר אִיז נִישְׁט שֵׁיין פוּן מִיר אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן בִּיז יֶעצְט, אָבֶּער עֶס אִיז בֶּעסֶער שְׁפֶּעט וִוי קֵיינְמָאל, דֶערִיבֶּער ווִיל אִיךְ יֶעצְט אָפְּגֶעבְּן אַ יַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א טוּט, אוֹיף אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוְון, וָואס פוּן דֶעם נֶעם אִיךְ אַ שְׁטִיק חַיּוּת.

נָאךְ אֵיין נְקוּדָה ווִיל אִיךְ צוּלֵייגְן, אַז אִיךְ הָאבּ אַ מַתָּנָה פוּן הִימְל אַז מַיין ווַייבּ שְׁטֵייט מִיט מִיר מִיט אַלֶע שְׁמוּעֶסְן אוּן זִי הֶערְט אוֹיךְ צוּ דִי שִׁיעוּרִים, אַזוֹי אַז מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵּק צוּזַאמֶען.

אוּן יֶעצְט צוּ דִי נְקוּדָה וָואס אִיךְ ווִיל שְׁרַייבְּן, הַיינְט נָאכְמִיטָאג הָאט מַיין ווַייבּ מִיר גֶעקְלוּנְגֶען אַז עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַן עֶרְנְסְטֶע פְּרָאבְּלֶעם אוּן מֶען מוּז שׁוֹין אָפְּלָאזְן אַלֶעס אוּן אַרַיינְפָארְן אִין שְׁפִּיטָאל. יְיַשֵּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף דִי כֹּחוֹת הַנֶּפֶשׁ וָואס וֶוערְט אַרַיינְגֶעגָאסְן אִין מִיר כְּסֵדֶר, וָואס אַ דַאנְק דֶעם הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן, נָאר דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף בִּיז אַהֶער אוּן גֶעבֶּעטְן אוֹיף ווַייטֶער, אַוַּדַאי הָאבְּן מִיר גֶעווֵיינְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַז אַלֶעס זָאל זַיין כַּשּׁוּרָה אָבֶּער מִיר הָאבְּן גֶעפִילְט אַז אֵיינֶער טְרָאגְט אוּנְז אוּן מִיר זֶענֶען נִישְׁט אַלֵיין. נִישְׁט צוּפִיל צַייט הָאט גֶענוּמֶען אוּן נָאךְ אַ בְּדִיקָה הָאט מֶען גֶעזֶען אַז עֶס אִיז דֶערְנָאךְ אוּן זִי הָאט פַארְלוֹירְן.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זִיכֶער אַז אִיךְ גֵיי דַארְפְן טְרֵייסְטְן מַיין ווַייבּ, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט

גֶעוואוּסְט מִיט וָואס אֶנְצוּהוֹיבְּן, לְמַעֲשֶׂה הָאב אִיךְ גֶערֶעדְט מִיט אֵיינֶע פוּן דִי גֶעהִילְפְן אִין שְׁפִּיטָאל, וֶוען מַיין ווייבּ אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אִין צִימֶער, אוּן אִיךְ פְרֶעג אִיר וִוי אַזוֹי מַיין ווייבּ הָאט עֶס אָנְגֶענוּמֶען, עֶנְטְפֶערְט זִי מִיר: "זִי אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק, זִי הָאט עֶס אָנְגֶענוּמֶען זֵייעֶר רוּאִיג", אוּן זִי הָאט צוּגֶעלֵייגְט אַז נִישְׁטָא אַסַאךְ אַזֶעלְכֶע וָואס זָאלְן זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק.

שְׁפֶּעטֶער, וֶוען אִיךְ הָאב גֶעטְרָאפְן מַיין ווייבּ, זָאגְט זִי מִיר דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ נָאכְ'ן דֶערְצֵיילְן דִי נִישְׁט גוּטֶע בְּשׂוּרָה: "דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט מִזְמוֹר לְתוֹדָה". יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ בִּין גָאר גֶעוָוארְן מְחוּזָק, אַזַא רוּאִיגְקֵייט נָאכְ'ן זִיךְ פְּלָאגְן שְׁוֶוער פַאר עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים, אוּן דָאס מָאל אִיז עֶס גֶעוֶוען סְפֶּעצִיעֶל שְׁוֶוער. מַיין מֹחַ אִיז נִישְׁט מְסוּגָל צוּ אוֹיפְכַאפְּן דִי גַאנְצֶע הָלוֹךְ יֵלֵךְ, פוּן וואוּ מֶען הָאט אַזֶעלְכֶע כֹּחוֹת הַנֶּפֶשׁ; נָאר דִי כֹּחַ פוּן רֶבִּי'ן, נָאר דִי שִׁיעוּרִים פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה - וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין אֱמוּנָה, שִׂמְחָה אוּן הוֹדָאָה.

אִיךְ מַיין אַז יֶעדֶע וָוארְט מֶער - אִיז אִיבְּרִיג.

דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל וַוייטֶער קֶענֶען אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי תּוֹרַת אֱמֶת פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹר.

אִיךְ בֶּעט אִיבֶּער אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן קְלָאר, אִיךְ הָאב עֶס גֶעשְׁרִיבְּן דָא אִין שְׁפִּיטָאל, אָן קַיין סַאךְ יִשּׁוּב הַדַּעַת.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר דַיינֶע הֶרְגֵּשִׁים פוּן דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין וָואס דָאס אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט דָאס נָאכְנִישְׁט טוֹעֵם גֶעוֶוען, פוּן אֵיין זַייט - דִי הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט - אַ שְׁטַארְקֶע שִׂמְחָה.

ווארִיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן אוֹיף

רֹאשׁ הַשָּׁנָה; עֶר וֶועט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן און זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה. דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, מֶען וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוען זַאכְן גֵייעֶן אַנְדֶערְשׁ ווִי מֶען ווִיל, ווַייל מֶען ווֵייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס און טוּט אַלֶעס נָאר עֶס זָאל זַיין גוּט, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ח): "וְצָרִיךְ לְבַקֵּשׁ מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיִּזְכֶּה לְהִתְקָרֵב לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, כְּדֵי שֶׁיִּזְכֶּה לֶאֱמוּנָה אֲמִתִּית בִּשְׁלֵמוּת", מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק וָואס קֶען צוּבְּרֶענְגֶען צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע קְלָארֶע אֱמוּנָה, "כָּל הַמִּתְקָרְבִים לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, זוֹכִין לֶאֱמוּנָה יְשָׁרָה דִּקְדֻשָּׁה", ווַייל אַלֶע וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אַן אֱמֶת'ן צַדִּיק, זֶענֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה.

זַיי זִיךְ מְחַזֵּק אִינְאֵיינֶעם מִיט דַיין ווַייבּ, דַאנְקְט און לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶועלְכֶע סְפָרִים קֶענֶען מִיר הֶעלְפְן בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה און בִּטָּחוֹן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַייעֶר מוֹרָא'דִיגֶע אוֹיסְגַאבֶּע 'עֲצָתוֹ אֱמוּנָה'; מִיר לֵיינֶען עֶס יֶעדְן שַׁבָּת, און מִיר זֶענֶען אַזוֹיפִיל קוֹנֶה דֶערְפוּן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט ווַייטֶער קֶענֶען פַארְשְׁפְּרֵייטְן רִיכְטִיגֶע אִידִישְׁקֵייט און אֱמוּנָה, מִיט הַרְחָבַת הַדַּעַת, גֶעזוּנְט און אַלֶעס גוּטְס.

אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם וָואס מוּטְשֶׁעט מִיךְ שׁוֹין אַ שְׁטִיק צַייט, און אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט זַיין דִי רִיכְטִיגֶע שְׁלִיחַ מִיר צוּ הֶעלְפְן.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גֶעטְרֵייעֶר עֶרְלִיכֶער מַאן מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, און נָאךְ

אַסאַך גוּטֶע זַאכְן פוּן אוּנְזֶער זִיסֶער טַאטֶע אִין הִימְל, דִי זַאךְ אִיז אָבֶער אַז מִיר זֶענֶען אַרִיבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע צַייטְן דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר, מִיט זֵייעֶר אַ קְרַאנְקֶע קִינְד, וְוִי אוֹיךְ הָאבְּן מִיר אַסַאךְ מִיטְגֶעמַאכְט מִיט דִי שְׁטָאטִישֶׁע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, אוּן אוֹיךְ לְהַבְדִּיל פוּן אִידִישֶׁע 'מִצְוָה' אִידְן, וָואס הָאבְּן גֶעזוּכְט צוּ מַאכְן אַ חוּרְבָּן פוּן אוּנְזֶער שְׁטוּב.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוּנְזֶער קִינְד אִיז שׁוֹין גֶעזוּנְט, מִיט גְרוֹיסֶע חַסְדֵי הַשֵּׁם, אוּן פַאר יֶענֶע חֶבְרָה אִיז נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען צוּ מַאכְן דִי שָׁאדְן וָואס זֵיי הָאב אַזוֹי גֶעוָואלְט מַאכְן. אַזוֹי וְוִי אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל צוּ דַאנְקֶען! לְמַעֲשֶׂה אָבֶער אִיז דָאס אַלֶעס נָאר בְּמַחְשָׁבָה, אִיךְ וֵייס אַז אוּנְזֶער טַייעֶרֶע טַאטֶע זוּכְט נָאר אוּנְזֶער גוּטְס אוּן טוּט נָאר גוּטְס, אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אֱמֶת'דִיג אִין הַארְץ, אַרְבֶּעט עֶס שׁוֹין נִישְׁט.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע נֶעבֶּעכְדִיגֶע חֶבְרָה, כָאטְשׁ אִיךְ וֵייס אַז זֵיי זֶענֶען לְמַעֲשֶׂה נָאר גֶעוֶוען אַ שְׁטֶעקְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אוֹיךְ בִּין אִיךְ זֵייעֶר דֶערשְׁרָאקְן אַז אִיךְ וֶועל נָאכְאַמָאל אַרַיינְפַאלְן אִין זֵייעֶר נֶעץ. דִי זָארְג אוּן שְׁרֶעק שְׁטֶערְן מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן טְרֶעטְן מִיר מַמָּשׁ צוּ צוּם לֶעבְן. חוּץ פוּן דֶעם קֶען אִיךְ אַסַאךְ מָאל וֶוערְן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן גֶעפִילְן, פוּן טְרוֹיעֶר, אוֹיף דִי אוּמְגֶעהוֹיעֶרֶע שְׁוֶועריגְקֵייטְן וָואס מִיר זֶענֶען דוּרְךְ, אוּן פוּן כַּעַס אוֹיף גֶעוִויסֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער זִיךְ אַרוֹיסְצוּזֶען דֶערְפוּן.

וָואס אִיךְ וָואלְט גֶעוָואלְט פוּן אַייךְ אִיז בְּעִיקָּר אַן עֵצָה וֶועגְן וֶועלְכֶע סֵפֶר אָדֶער אִינְהַאלְטְסְרַייכֶער בּוּךְ, וָואס אִיךְ קֶען לֶערְנֶען אָדֶער לֵיינֶען כְּדֵי צוּצוּקוּמֶען צוּ אֱמֶתְ'עֶ טִיפֶע אֱמוּנָה אוּן רוּאִיגְקֵייט, אֱמֶת'דִיג שְׁפִּירְן אַז אַלֶעס קוּמְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוּן אִיז פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה. אִיךְ זָאל קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ אַ מַדְרֵיגָה פוּן זִיךְ שְׁרֶעקְן נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוּן נִישְׁט פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, אוּן אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ אֲפִילוּ קֶענֶען שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ אִינְגַאנְצְן מוֹחֵל זַיין יֶענֶע חֶבְרָה, אַ זַאךְ וָואס אִיז מִיר נָאךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער. אִיךְ וַוארְט נָאךְ אוֹיךְ זֵיי זָאלְן מִיר בֶּעטְן מְחִילָה, אָבֶער אִיךְ גְלֵייבּ נִישְׁט עֶס וֶועט אַמָאל גֶעשֶׁען. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזוּכְט אַפָּאר מָאל אִין לֵייבְּרֶערִי עֶפֶּעס פַּאסִיג, אָבֶער עֶס גֶעלוּנְגְט מִיר נִישְׁט. דֶער סֵפֶר זָאל זַיין אִין אִידִישׁ אָדֶער עֶנְגְלִישׁ, בִּיטֶע.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי בֶּעסְטֶע סְפָרִים צוּ שְׁטַארְקְן דִי אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן זֶענֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

עֶס זֶענֶען דָא נָאךְ סְפָרִים וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן פוּן צַדִּיקִים פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת, דָאךְ הָאבְּן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אַ סְפֶּעצִיעֶלְן כֹּחַ; סַיי מֶען שְׁפִּירְט וִוי דֶער סֵפֶר אִיז גֶעשְׁרִיבְּן סְפֶּעצִיעֶל פַאר זִיךְ, יֶעדֶער אֵיינֶער שְׁפִּירְט זִיךְ וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אִים, אוּן סַיי דֶער סֵפֶר לֶעבְּט, דִי בְּרִיוְון לֶעבְּן, עֶס אִיז אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, עֶס טוּישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן נִישְׁט סְתַּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶע אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם): "וְגַם אֲפִלּוּ עַכְשָׁו כְּשֶׁלּוֹמְדִין דִּבְרָיו הַקְּדוֹשִׁים יֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לִזְכּוֹת לְדַרְכֵי ה' בֶּאֱמֶת, לְמִי שֶׁיָּשִׂים לִבּוֹ הֵיטֵב לִדְבָרָיו וּלְשִׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים הַנֶּאֱמָרִים בְּזֶה הַסֵּפֶר, וּבִשְׁאָר סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים", דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים פַארְמָאגְן אַ מוֹרָא'דִיגְן כֹּחַ צוּ מְעוֹרֵר זַיין אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין יֶעדֶע שְׁמוּעֶס פוּן רֶבִּי'ן לִיגְן גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכָה פַאר'ן לֶעבְּן.

בִּפְרַט אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אִין אוּנְזֶער דוֹר, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן דָאס אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט פַאר אוּנְזֶערֶע מֹחוֹת, אַז מִיר זָאלְן דָאס פַארְשְׁטֵיין, מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ גֶעפִיל אִין דֶעם; אַזוֹי וִוי אַ מְלַמֵּד נֶעמְט שְׁוֶוערֶע טִיפֶע גְּמָרוֹת אוּן אִיז דָאס מַסְבִּיר מִיט גְרִינְגֶע וֶוערְטֶער אַז אֲפִילוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער מִיט שְׁוַואכֶע מֹחוֹת זָאלְן הָאבְּן אַן הַשָּׂגָה אִין דֶעם, דָאס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעטוּן מִיט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי בְּרִיוו פוּן סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל, אוּן דִי קוּנְטְרֵסִים - בַּאקוּמְט

מֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מֶען וֶוערְט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

איר זֶענְט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צַייטְן אִין לֶעבְּן, פַּארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט, פַּארְלִירְט נִישְׁט דִי אֱמוּנָה; טְרַאכְטְס נִישְׁט קַיין אֵיין מִינוּט ׳דֶער אִיז שׁוּלְדִיג׳, ׳יֶענֶער אִיז שׁוּלְדִיג׳; לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין אֱמוּנָה. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה, עֶר חַזֶר׳ט צוּ זִיךְ: ׳קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן׳; עֶר זִינְגְט נִגּוּנֵי אֱמוּנָה: ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָארְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפוּנְט זִיךְ אִין יֶעדֶע אָרְט; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז עֶר, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער״ - דָאס מַאכְט מֶען זָאל זַיין רוּאִיג אוּן צוּפְרִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי בִּין אִיךְ מְחַזֵק מַיין וַוייבּ אַז קִינְדֶער אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גֶעזוּנְט לִיכְטִיג קִינְד, עֶר וַואקְסְט שׁוֹין אוֹיף גְרוֹיס בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אָבֶּער מַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק צוּ נָאךְ קִינְדֶער, זִי הָאט מוֹרָא צוּ הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער; ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִיר שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵק זַיין אַז עֶס אִיז גוּט צוּ הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער? אוּן אוֹיבּ ווִיל זִי נִישְׁט, דַארְף אִיךְ אִיר אִיבֶּערְלָאזְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם בַּיי דִי דְרָשׁוֹת.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בֹּא, כ״ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיו.

דָאס אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען עֶנְטְפֶערְן בִּכְלָלִיוּת, דָאס דַארְפְסְטוּ

רֶעדְן אִינְאֵיינֶעם מִיט דַיין וַוייבּ מִיט אַ גְרוֹיסְן רַב, אַן עֶרְלִיכֶער רָב. עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִין אִיר גֶעזוּנְט, סַיי פִּיזִישׁ אוּן סַיי גֵייסְטִישׁ; אַמָאל אִיז דֶער גוּף שְׁוַואךְ אוּן אַמָאל אִיז דִי נֶפֶשׁ אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה דַארְף רוּעֶן.

מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ אוּן זַיי אִיר מְכַבֵּד - וֶועט זִי וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען; דֶער מַאן דַארְף זַיין אִיר טֶערֶעפִּיסְט, דֶער מַאן קֶען אוֹיסְהֵיילְן בֶּעסֶער פוּן אַלֶעמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דוּרְכְ'ן דֶערְמַאנֶען נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים קֶען מֶען טוּישְׁן דִי טֶבַע

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ אַז מִיר הָאבְּן וֶועמֶען צוּ פְרֶעגְן.

מִיר וַוארְטְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוֹיף אַ שִׂמְחָה, אוּן מַיין וַוייבּ וִויל וִויסְן אַזוֹי וִוי יֶעצְט אִיז סוֹף פוּן דִי גוֹי'שֶׁע יָאר, אוּן יֶעצְט אִיז דָא צוּ קוֹיפְן זַאכְן אוּן קְלֵיידֶער פַאר בִּילִיגֶער, אוֹיבּ מֶען זָאל אַיינְקוֹיפְן פוּן פָארְאוֹיס?

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶעוָואלְט וִויסְן וָואס מֶען טוּט עֶפֶּעס סְגוּלוֹת אַז אַלֶעס זָאל גֵיין כְּשׁוּרָה אוֹיפְ'ן בֶּעסְטְן פַארְנֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרַ"שׁ זָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט קוֹיפְן פוּן פָארְאוֹיס וֶועגְן עַיִן הָרָע.

אוֹיף דִי צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע, וָואס מֶען טוּט וְכוּ'; מוֹהֲרַ"שׁ זָאגְט מֶען זָאל

זָאגְן נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים, דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר אַ גְרִינְגֶע לֵידָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, חֵלֶק ב׳ סִימָן כ): ״עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע״, דוּרְכְ׳ן דֶערְמַאנֶען נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים קֶען מֶען טוּישְׁן דִי טֶבַע, אוּן נָאכְדֶעם זָאל מֶען בֶּעטְן אַ תְּפִלָּה:

״יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ עֶס זָאל זַיין דִי ווִילְן פוּן דִיר טַאטֶע אִין הִימְל, בִּזְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזְן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה, זֵייעֶר עֶרְלִיכְקֵייט - הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְגֶערְהֵייט אַ גֶעזוּנְט קִינְד, אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין גְרִינְג. אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר שְׁלֶעכְטֶע אוֹיגְן, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין עַיִן הָרָע, נִישְׁט אוֹיף מִיר אוּן נִישְׁט אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן נָאר טוּן דַיין ווִילְן, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִּי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, י״י צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֶען אַ מְלַמֵּד אוֹיךְ אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע עֵצוֹת וָואס אִיז מַיין לֶעבְּן. דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט בְּעֶרֶךְ זִיבֶּעצִיג פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט אֵיין טָאג דִי וָואךְ פֶערְצְן בְּלַאט גְמָרָא; אִיךְ הָאבּ זִיךְ מְחַיֶּה גֶעוֶועזְן.

אִיךְ בִּין אָבֶּער אַ מְלַמֵּד, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אַ מְלַמֵּד [דֶער בְּרִיוו אִיז בֵּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], "לֵייג אַוֶועק אַלֶעס, לָאז אָפּ דַיינֶע שִׁיעוּרִים, יֶעצְט נֶעם מְלוּמְדוֹת פַאר דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם". ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל טַאקֶע אָפְּלָאזְן מַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אָדֶער אוֹיבּ עֶס שְׁטֶערְט

נִישְׁט דִי מְלוּמְדוֹת אִיז עֶס נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מֶען קֶען טוּן בֵּיידֶע, עֶס אִיז דָא צַייט פַאר אַלֶעס; אַז מֶען הִיט דִי צַייט, מֶען לֶעבְּט מִיט אַ סֵדֶר - קֶען מֶען אָנְקוּמֶען זֵייעֶר אַסַאךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט** (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן נה)**: "רֶוַח הָעוֹלָם הַזֶּה אֵין לְשַׁעֵר", מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֶעלְן וָואס מֶען קֶען אַלְץ פַארְדִינֶען בְּזֶה הָעוֹלָם.**

**שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן מְלַמְדוּת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן** (בָּבָא בַּתְרָא ח:)**: אוֹיפְ'ן פָּסוּק** (דָּנִיֵּאל יב, ג)**: "וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד - אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת", אַ מְלַמֵּד וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אָפְּצוּצֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דִי וֶועלְט - אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּצֵיילְן דִי גְרוֹיסֶע זְכוּתִים וָואס אַ מְלַמֵּד הָאט.**

**וֶוען עֶס קוּמְט צוּ טוּן פַאר דִי קִינְדֶער, אָפְּגֶערֶעדְט דִי צַייט פוּן חֵדֶר, דִי צַייט וָואס מֶען דַארְף זַיין מִיט דִי קִינְדֶער - דֶעמָאלְט אִיז זִיכֶער אַז מֶען דַארְף אַלֶעס לֵייגְן אִין דֶער זַייט אוּן נָאר זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דִי קִינְדֶער. אַזוֹי אוֹיךְ זַייטִיגֶע צַייטְן, אוֹיבּ אִיז דָא, דֶעמָאלְט צוּ טוּן פַאר דִי קִינְדֶער; מֶען קֶען זִיךְ אָנְגְרֵייטְן דִי לִימוּדִים פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע טֶעג, אָדֶער מַאכְן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע פְּרָאגְרַאמֶען וְכוּ׳ וְכוּ׳, - דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ אַלֶעס לֵייגְן אִין דֶער זַייט, דָאס מֵיין אִיךְ אִינֶעם בְּרִיוו: "לֵייג אַוֶועק אַלֶעס, לָאז אָפּ דַיינֶע שִׁיעוּרִים, יֶעצְט נֶעם מְלוּמְדוֹת פַאר דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם", אוּן אִין דִי אִיבְּרִיגֶע צַייט - דֶעמָאלְט קֶען מֶען לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.**

**אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִיט נָאךְ אֵיינֶעם, יֶענֶער הָאט גֶעבֶּעטְן מוֹהֲרָא"שׁ זָאל מִיר הֵייסְן אוֹיפְהֶערְן לֶערְנֶען מַיינֶע**

שִׁיעוּרִים, יֶענֶער הָאט גֶעזָאגְט בְּפָנַי: "מוֹהֲרָא"ש זָאל זָאגְן פַאר יוֹאֵל זָאל נָאר מְחַזֵּק זַיין בָּחוּרִים, יוֹאֵל טָאר נִישְׁט לֶערְנֶען, זַיין לֶערְנֶען אִיז אַן עֲבֵירָה, אַנְדֶערְשׁ זָאל עֶר רֶעדְן מִיט נָאךְ אַ בָּחוּר אוּן נָאךְ אַ בָּחוּר"; דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַז אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן דֶער אִינְגֶערְמַאן נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר כְּסֵדֶר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ טָאר נִישְׁט לֶערְנֶען, אִיךְ דַארְף נָאר רֶעדְן מִיט בָּחוּרִים, זֵיי מְחַזֵּק זַיין, אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז אִיךְ דַארְף אוֹיךְ לֶערְנֶען; אוֹיבּ מוֹהֲרָא"ש וֶועט מִיר זָאגְן אַנְדֶערְשׁ - וֶועל אִיךְ פָאלְגְן"; מוֹהֲרָא"ש קוּקְט אוֹיף אוּנְז אוּן זָאגְט אוּנְז מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "עֶס אִיז דָא צַייט פַאר בֵּיידֶע, עֶס אִיז דָא צַייט צוּ מְחַזֵּק זַיין בָּחוּרִים, אוּן צַייט פַאר לֶערְנֶען תּוֹרָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**מַאךְ יֶעדְן קִינְד פַאר אַ הֶעלְד, הָאבּ לִיבּ יֶעדְן קִינְד**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"חַ כִּסְלֵיו, ד' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר מְלַמֵּד בַּתַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ. גֶעדֶענְק דַיינֶע קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן, גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרָא"ש לֶערְנְט אוּנְז; אַז קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער, קִינְדֶער זֶענֶען ווילְד, קִינְדֶער ווִילְן נִישְׁט לֶערְנֶען, קִינְדֶער ווִילְן נָאר שְׁפִּילְן, אוּן אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז זֵיי צוּ מַאכְן לֶערְנֶען, אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז זֵיי צוּ מַאכְן פָאלְגְן.

וֶוער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען אַ טַאטֶע זָאגְט דִיר אַז דִי קִינְדֶער זָאגְן: "דִי יָאר הָאבְּן מִיר נִישְׁט מוֹרָא, ווַייל דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט שְׁטְרֶענְג, דֶער רֶבִּי שְׁלָאגְט נִישְׁט, דֶער רֶבִּי טוּט גָארְנִישְׁט"; וֶוער נִישְׁט אוֹיסֶער זִיךְ פוּן וָואס דִי קִינְדֶער זָאגְן, אוּן זִיכֶער נִישְׁט וָואס עֶלְטֶערְן זָאגְן דִיר.

וֶוען עֶלְטֶערְן רוּפְן דִיךְ מִיט טַעֲנוֹת - זָאלְסְטוּ אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי זָאגְן;

הֶער פון זַיי אִינְפָארְמַאצְיֶע, הֶער צוּ יֶעדֶעס וָוארְט, און נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ טוּן וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן; זָאלְסְט נֶעמֶען דִי לִימוּדִים וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, דִי לִימוּדִים פון מוֹהֲרָא"ש און מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת און לִיבְּשַׁאפְט וַוייטֶער זַיי מְחַנֵךְ זַיין.

אִיךְ בִּין יֶעצְט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל. יֶעצְט אִיז אִינְמִיטְן נַאכְט, אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר יֶעצְט נָאכְן פַארְן אַ לַאנְגֶע וֶועג; אִיךְ הָאף מָארְגְן צוּ מַאכְן אַ בַּאזוּךְ בַּיי דִיר אִין כִּתָּה, דִיר מְחַזֵק זַיין.

בְּנוֹגֵעַ דֶעם קִינְד הַיֶּלֶד ... נֵרוֹ יָאִיר וָואס דוּ זָאגְסְט אַז עֶר אִיז דִיר נִישְׁט גוֹרֵס, עֶר אִיז קַאלְט, טְרוּקְן וְכוּ' וְכוּ'; ווִיל אִיךְ דִיר פְרֶעגְן, וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען עֶר אִיז דַיין זוּן? וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען עֶר אִיז דַיין בְּרוּדֶער? חַס וְשָׁלוֹם זָאגְן אוֹיף אַ אִידִישׁ קִינְד עֶר אִיז אַ קַאלְטֶער, אַ טְרוּקֶענֶער וְכוּ' וְכוּ', דִי אַלֶע נֶעמֶען; דוּ רֶעדְסְט אַזוֹי ווִי דִי פְּלִשְׁתִּים וָואס הָאבְּן פַארְשְׁטָאפְּט אַלֶע בְּרוּנֶעמְס וָואס דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת הָאבְּן גֶעגְרָאבְּן, אוּנְזֶער עֲבוֹדָה אִיז צוּ גְרָאבְּן בַּיי יֶעדְן אִיד און טְרֶעפְן אַ בְּרוּנֶעם וַואסֶער, מַיִם חַיִּים; נִישְׁט פַארְשְׁטָאפְּן חַס וְשָׁלוֹם.

אַז אַ קִינְד אִיז פַארְמַאכְט, פַארְשְׁלָאסְן - אִיז אַ סִימָן אַז עֶר גֵייט אַרִיבֶּער עֶפֶּעס אַ שְׁוֶועריקֵייט אִין לֶעבְּן. פֶּערְצוּפַּאל הַאלְט אִיךְ מִיט וָואס טוּט זִיךְ בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ, עֶר קוּמְט פון אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבּ, דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען עֶרְגֶעץ אִין אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ, דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אַרִיבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע יָארְן; אַלֶע בְּרִידֶער און שְׁוֶועסְטֶער זֶענֶען אַזוֹי גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעאַרְבֶּעט מִיט דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער תַּלְמִיד, אִיךְ הָאבּ דִיר אוֹיסְגֶעוֶועלְט צוּ זַיין פון אוּנְזֶער אַרְמֵיי - זָאלְסְטוּ זַיין אַ גוּטֶער סָאלְדַאט, אַ בְּרַאוֶוער גֶענֶערַאל און נִישְׁט לָאזְן חַס וְשָׁלוֹם קַיין אֵיין קִינְד בְּלַייבְּן פַארְשְׁטָאפְּט. זוּךְ אַ גְרוּבֶּעלֶע בַּיי אִים אִין הָאַרְץ, זוּךְ וַואסֶער. קוּם מִיר דֶערְצֵיילְן דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה וָואס דִי עַבְדֵי אָבוֹת הָאבְּן דֶערְצֵיילְט (בְּרֵאשִׁית כו, לב): "מָצָאנוּ מָיִם!" זוּךְ אִין אִים אַ פְּלַאץ, מַאךְ אִים אַ הֶעלְד, מַאךְ יֶעדְן קִינְד פַאר אַ הֶעלְד, הָאבּ לִיבּ יֶעדְן קִינְד, וּבִפְרַט דִי קִינְדֶער וָואס עֶס דַארְף נָאךְ

אַרַיינְגֵיין אִין זֵיי אַסַאךְ אַרְבֶּעט - זָאלְסְטוּ נָאכְמֶער לִיבּ הָאבְּן.

לֵייג אַוֶועק אַלֶעס, לָאז אָפּ דַיינֶע שִׁיעוּרִים, לָאז אָפּ אַלֶעס; יֶעצְט זָאלְסְטוּ נֶעמֶען מְלַמְּדוּת פַּאר דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. זֵיי פֶּעלְזְן פֶּעסְט, וֶוער נִישְׁט צֶעפַּאלְן פוּן קֵיינֶעם, אַל תִּירָא וְאַל תֵּחַת מֵאַף אֶחָד שֶׁבָּעוֹלָם! לֶערְן אוֹיס דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, לֶערְן זֵיי אוֹיס צוּ זַיין הֵיילִיג.

אֵיין שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ נִישְׁט מְוַותֵּר זַיין, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; דָאס זָאל זַיין דַיין וֶועג וַוייזֶער, דַיין חִיזוּק, דַיין מוּסָר סֵפֶר, דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

אִיךְ בֶּעט פַּאר דִיר שְׁטֶענְדִיג.]

...

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן מַיין מַאן זָאל גֵיין דַאוֶונֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז מַיין מַאן גֵייט נִישְׁט דַאוֶונֶען, אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַז אַלֶע שֶׁפַע, פַּרְנָסָה אוּן הַצְלָחָה - קוּמְט פוּן דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אוּן אִיךְ זֶע טַאקֶע בַּיי אוּנְז ווִי דָאס גֶעלְט הַאלְט זִיךְ נִישְׁט, מַיין מַאן אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ. אִיךְ זָאג אִים גָארְנִישְׁט, אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל הֶעלְפְן מַיין מַאן זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן, אָבֶּער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

נָאךְ מֶער טוּט מִיר דָאס וֵויי אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וֶוען עֶר גֵייט נִישְׁט דַאוֶונֶען.

אִיךְ שְׁפִּיר אַז מֶען שְׁטוּפְּט דִי צַייט אָן קַיין תַּכְלִית. וָואס טוּ אִיךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ב׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרַט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וויסְן זָאלְט אִיר, אַזוֹי ווִי אַ פְּרוֹי דַארְף אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט, אַזוֹי דַארְף אַ מַאן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט וְכוּ'; אַייעֶר מַאן אִיז צֶעבְּרָאכְן כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, דָאס מַאכְט עֶר זָאל פַארְלִירְן זַיין מוּט, דָאס מַאכְט עֶר זָאל וֶוערְן מְיוּאָשׁ בִּיז עֶר בְּלַייבְּט שְׁלָאפְן, עֶר דַאוֶונְט נִישְׁט.

אִיר קֶענְט אִים הֶעלְפְן, אַ קְלוּגֶע פְּרוֹי בּוֹיט אוֹיף אִיר מַאן; בֶּעט אִיךְ אַייךְ, זַייט קְלוּג, גֶעבְּט אִים נִישְׁט קַיין קְרִיטִיק, גֶעבְּט אִים אַסַאךְ וַוארֶעמְקֵייט, גֶעבְּט אִים אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער. בּוֹיט אִים אוֹיף, מַאכְט אִים פְרֵיילִיךְ - וֶועט אִיר זֶען ווִי עֶר וֶועט זִיךְ אִינְגַאנְצְן טוֹישְׁן, עֶר וֶועט אָנְהֵייבְּן מַאכְן פַּרְנָסָה און עֶר וֶועט אָנְהֵייבְּן גֵיין דַאוֶוענֶען. ווַייל וֶוען דֶער מַאן אִיז פְרֵיילִיךְ, עֶר שְׁפִּירְט זִיכֶער מִיט זַיין ווַייבּ - בַּאקוּמְט עֶר אַ שְׁטַארְקֶע מוּט, אַלֶעס טוֹישְׁט זִיךְ צוּם גוּטְן.

הַאלְטְס זִיךְ אַיין, וֶוערְט נִישְׁט בְּכַּעַס; מַאכְט צוּ דִי אוֹיגְן, אִיר דַארְפְּט נִישְׁט זֶען דִי נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, זוּכְט אִין אַייעֶר מַאן גוּטֶע זַאכְן; אֲפִילוּ עֶס אִיז אַייךְ בִּיטֶער שְׁוֶוער. אִיר פוּן אַייעֶר זַייט קוּקְט גוּט אוֹיף אִים און רֶעדְט שֵׁיין צוּ אִים און זַייט אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען. גֶעדֶענְקְט, דִי ווַייבּ אִיז דָאךְ אַ חֵלֶק פוּנֶעם מַאן, דִי תּוֹרָה זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ב, כג): "עֶצֶם מֵעֲצָמַי וּבָשָׂר מִבְּשָׂרִי לְזֹאת יִקָּרֵא אִשָּׁה כִּי מֵאִישׁ לֻקֳחָה זֹּאת".

וואוֹיל אִיז דִי פְּרוֹי וָואס הָאט אַייזֶערְנֶע גֶעדוּלְד צוּ אִיר מַאן, וואוֹיל אִיז דִי פְּרוֹי וָואס אִיז מוֹחֵל אִיר מַאן; מִיט דֶעם מַאכְט זִי רוּעֶן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה אִין אִיר שְׁטוּבּ, דָאס בְּרֶענְגְט הַצְלָחָה אִין שְׁטוּבּ, דוּרְכְדֶעם וֶועט דֶער מַאן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס לוֹיפְן אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען און לֶערְנֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### תִּיקוּנֵי זוֹהַר אִיז אַ בָּאד פַאר דִי נְשָׁמָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ מַתָּנָה דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר תִּיקוּנֵי זוֹהַר.

זֶע צוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, מוֹהֲרָא״ש זָאגְט בְּשֵׁם צַדִּיקִים אַז תִּיקוּנֵי זוֹהַר אִיז אַ בָּאד פַאר דִי נְשָׁמָה, עֶס אִיז מְזַכֵּךְ וּמְטַהֵר דִי נֶפֶשׁ, רוּחַ וּנְשָׁמָה.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ אוּן בֶּעט פַאר דִיר.

יוֹאֵל בֶּן רַייצָא רֶעכִיל

...

### אִיךְ בִּין דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ד טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ...**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס בּוּזְשֶׁעוֶוען אִין דִיר אַז דוּ בִּיסְט דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, אָדֶער דִי מַחֲשָׁבוֹת אַז אִיךְ בִּין בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר, אִיךְ גֵיי דִיר גֶעבְּן אַ פְּסַק, אִיךְ גֵיי דִיר פַארְשֶׁעמֶען, אִיךְ גֵיי דִיר אַרוֹיסְוַוארְפְן וְכַדּוֹמֶה, - דָאס אַלֶעס אִיז פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן מט) שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת -

דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע, ׳יֵצֶר׳ אִיז טַייטְשׁ מָאלְן, מֶען מָאלְט זִיךְ אוֹיס, מֶען טְרַאכְט זִיךְ אוֹיס ׳הָרָע׳ - אִיךְ בִּין שְׁלֶעכְט. יֵצֶר טוֹב מֵיינְט, מֶען טְרַאכְט גוּט, מֶען מָאלְט זִיךְ אוֹיס גוּט, אִיךְ בִּין גוּט, יֶעדֶער אִיז גוּט.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, פוּן יֶעצְט הָאסְטוּ אַ נֵייעֶ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם גֵייט זַיין, פוּן הַיינְט גֵייסְטוּ טְרַאכְטְן ׳אִיךְ בִּין גוּט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ, אוֹיף מִיר אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מט, ג) ׳יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר׳, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פוּן מִיר הִתְפָּאֲרוּת, עֶר בַּארוּמְט זִיךְ מִיט מִיר׳.

אִיךְ הַאלְט זֵייעֶר פוּן דִיר, אִיךְ בִּין זֵייעֶר נִתְפָּעֵל פוּן דִיר, וִוי שֵׁיין דוּ דֶערְהַאלְסְט זִיךְ, דוּ בִּיסְט פֶעלְזְן פֶעסְט. דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ אַלֶעמֶען, דוּ פַארְגִינְסְט יֶעדְן אֵיינֶעם גוּטֶע וֶוערְטֶער.

שְׁטַארְק זִיךְ, לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, אֲפִילוּ זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, וֶוער זָאל זַיין.

יוֹאֵל בֶּן רַייצָא רֶעכִיל.

...

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס אִיר לֵייגְט אַרַיין אִין בְּלֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַעֲרֶכֶת קִרְיַת בְּרֶסְלֶב בְּלֶעטְל**

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דִי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה פוּן פָארִיגֶע וָואךְ, פַּרְשַׁת וָאֵרָא. אִיךְ וִויל עֶנְק מְעוֹרֵר זַיין אִיבֶּער דִי מַעֲשֶׂה וָואס אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעסְטְרַאשֶׁעט דִי קָאמְפָּאנִי, אוֹיבּ זֵיי גֶעבְּן אִים נִישְׁט צוּרִיק דִי גֶעלְט - וֶועט עֶר זֵיי בַּאשְׁמוּצְן וְכוּ׳.

אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף אַזַא שֵׁיינֶע גִּלָּיוֹן, מֶען זָאל דְרוּקְן אַזַא מַעֲשֶׂה בִּכְלָל; וָואס הָאט דָאס צוּטוּן מִיט תְּפִלָּה?! דָאס אִיז נִישְׁט קַיין מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה, דָאס אִיז אַ מַעֲשֶׂה פוּן סְטְרַאשֶׁען, אוּן אֶפְשָׁר אֲפִילוּ גְנֵיבָה.

אִיר זָאלְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס אִיר לֵייגְט אַרַיין אִין בְּלֶעטְל.
פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.
יוֹאֵל בֶּן רַייצָא רֶעכִיל.

...

**סֵפֶר "גִּדְרֵי מוֹעֲדִים", הֲלָכוֹת וּמִנְהָגִים אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד הָרַב הַגָּאוֹן רֶבִּי ... שְׁלִיטָ"א, מוֹ"ץ וְרֹאשׁ הַכּוֹלֵל קְהִלַּת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יַבְנְאֵל**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נֵייעֶס אַז מַעֲלַת כְּבוֹדוֹ גְרֵייט זִיךְ יֶעצְט אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן דֶעם הֶערְלִיכְן סֵפֶר "גִּדְרֵי מוֹעֲדִים, הֲלָכוֹת וּמִנְהָגִים" - אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח.

הָאֱמֶת אַגִּיד, אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן דִי הֲלָכוֹת אוֹיף יֶעדְן יוֹם טוֹב פוּן מַעֲלַת כְּבוֹדוֹ. בְּמֶשֶׁךְ יוֹם טוֹב בַּאנוּץ אִיךְ זִיךְ מִיט דִי הֶערְלִיכֶע קוּנְטְרֵסִים, אוֹיךְ דִי יָאר שְׁנַת הַשְּׁמִיטָה הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר הַנָּאָה פוּן דִי שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת פוּן מַעֲלַת כְּבוֹדוֹ, יֶעצְט אַז מֶען גֶעבְּט דָאס אַרוֹיס אִין אַ סֵפֶר שָׁלֵם - אִיז דָאס זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ.

אִיךְ בִּין נִישְׁט פַּאסִיג צוּ גֶעבְּן הַסְכָּמוֹת, מַעֲלַת כְּבוֹדוֹ דַארְף נִישְׁט מַיין הַסְכָּמָה; אִיךְ ווִיל אָבֶער נִישְׁט אָפְּזָאגְן מַעֲלַת כְּבוֹדוֹ. אִיךְ גֶעבּ אַ בְּרָכָה אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען וַוייטֶער מַרְבִּיץ תּוֹרָה זַיין מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, אוּן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, אָמֵן.

...

## ׳עֶס אִיז גֶעוֶוען כְּדַאי דִי גַאנְצֶע הִתְקָרְבוּת נָאר כְּדֵי צוּ הֶערְן דֶעם בְּרִיוו׳

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לִכְבוֹד דֶער חָשׁוּב׳עֶר גַבְּאַי ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ בַּאקוּם יֶעדְן טָאג בְּרִיוו פוּן פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים; אֵיינֶער שְׁרַייבְּט מִיר: ״פַּרְשַׁת שְׁמוֹת הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין בְּנֵי בְּרַק, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין; דֶער גַבְּאַי נֵרוֹ יָאִיר הָאט פָארְגֶעלֶערְנְט גָאר אַ שְׁטַארְקֶע בְּרִיוו, אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ב׳ מִכְתָּב קז, וֶועגְן דִי עִנְיָן פוּן שָׁלוֹם [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], אַז נָאכְלוֹיפְן דִי וַוייבּ הֵייסְט נִישְׁט גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט, נָאר נֶעמֶען לִיבְּשַׁאפְט; זֵייעֶר אַ יְסוֹדוֹת׳דִיגֶע בְּרִיוו. יֶענֶער שְׁרַייבְּט: **׳עֶס אִיז גֶעוֶוען כְּדַאי דִי גַאנְצֶע הִתְקָרְבוּת נָאר כְּדֵי צוּ הֶערְן דֶעם בְּרִיוו; אַזַא שֵׂכֶל וָואס אִיז נִישְׁטָא אוּן קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע פְּלַאץ אוֹיף דִי וֶועלְט׳״.**

אִיךְ שִׁיק דִיר אַ בְּרִיוו פַאר הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר, גֶעבּ אִים אִיבֶּער דִי בְּרִיוו אוּן זָאג אִים פֶּערְזֶענְלִיךְ אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַארְ׳ן בָּארְגְן דִי סֵפֶר תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

**ווִי אַזוֹי זָאל אִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט מַיין וַוייבּ?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין וַוייבּ פִילְט אַז אִיךְ לוֹיף אִיר נָאךְ צוּ שְׁטַארְק, אִיךְ בִּין צוּ שְׁטַארְק תָּלוּי אִין אִיר. וָואס אִיז דִי עֵצָה פַאר דֶעם? זָאל אִיךְ אִיר גֶעבְּן וֵוייניגֶער לִיבְּשַׁאפְט?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לפ"ק**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ פְרֶעגְסְט צִי דוּ זָאלְסְט אוֹיפְהֶערְן גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט; עֶס זֶעט אוֹיס וְוִי קֵיינֶער הָאט דִיר נִישְׁט מַדְרִיךְ גֶעוֶוען חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, וַוייל אֵיינְס פוּן דִי יְסוֹדוֹת וָואס אַ אִינְגֶערְמַאן דַארְף וִויסְן וֶוען עֶר הָאט חֲתוּנָה אִיז, אַז דוּרְךְ נָאכְלוֹיפְן דִי וַוייבּ וְכוּ׳ גֶעבְּט מֶען נִישְׁט קַיין לִיבְּשַׁאפְט, נָאר דָאס מֵיינְט אַז מֶען נֶעמְט פַאר זִיךְ לִיבְּשַׁאפְט וְכוּ׳.

אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט אַז וֶוען חַוָּה הָאט גֶעפָּאלְגְט דֶעם שְׁלַאנְג אוּן גֶעגֶעסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַּעַת הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיר גֶעגֶעבְּן אַן עוֹנֶשׁ (בְּרֵאשִׁית ג, טז): "וְאֶל אִישֵׁךְ תְּשׁוּקָתֵךְ, וְהוּא יִמְשָׁל בָּךְ", אַז דִי פְרוֹי וֶועט גְלִיסְטְן נָאךְ אִיר מַאן, אוּן דֶער מַאן וֶועט גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף אִיר (עַיֵּן שָׁם בְּפֵירוּשׁ רַשִׁ"י); מוֹהַרָא"שׁ זָאגְט, אַז דִי צְוֵויי זַאכְן גֵייעְן גֶעקְנִיפְּט אוּן גֶעבִּינְדְן, אוֹיבּ עֶס אִיז "וְאֶל אִישֵׁךְ תְּשׁוּקָתֵךְ", וֶוען זִי לוֹיפְט נָאךְ אִיר מַאן, דֶעמָאלְט אִיז "וְהוּא יִמְשָׁל בָּךְ", אִיז דֶער מַאן דֶער וָואס גֶעוֶועלְטִיגְט וְכוּ׳, אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז פַארְקֶערְט, דֶער מַאן לוֹיפְט נָאךְ זַיין וַוייבּ וְכוּ׳, עֶס אִיז "וְאֶל אִשָּׁה תְּשֻׁקָתֵךְ", דֶעמָאלְט דְרֵיידְט זִיךְ אוֹיס דֶער פָּסוּק אוֹיפְ׳ן מַאן, עֶס וֶוערְט: "וְהִיא (מִיט אַ יוּד) יִמְשָׁל בָּךְ", זִי הֵייבְּט אָן גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיפְ׳ן מַאן. וְוִי מֶער מֶען לוֹיפְט נָאךְ דִי וַוייבּ וְכוּ׳ וֶוערְט דֶער מַאן זֵייעֶר אַרָאפּ גֶעקוּקְט אִין אִירֶע אוֹיגְן, נָאכְלוֹיפְן דִי וַוייבּ אִיז נִישְׁט גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט, נָאר דָאס אִיז נֶעמֶען לִיבְּשַׁאפְט.

דֶער הֵיילִיגֶער קְדוֹשַׁת לֵוִי זָאגְט (סוֹף פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, דִיבּוּר הַמַּתְחִיל וַיְבִיאֶהָ יִצְחָק) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כד, סז): "וַיְבִאֶהָ יִצְחָק וְגוֹ׳, וַתְּהִי לוֹ לְאִשָּׁה וַיֶּאֱהָבֶהָ", וָואס וִויל דִי תּוֹרָה זָאגְן מִיט דֶעם אַז יִצְחָק הָאט לִיבּ גֶעהַאט רִבְקָה? זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס זָאגְט עֶר הָאט לִיבּ זַיין וַוייבּ, אָבֶּער בֶּאֱמֶת הָאט עֶר זִיךְ אַלֵיינְס לִיבּ, עֶר דַארְף אִיר

נָאר פַאר זַיינֶע גֶעבְּרוֹיכְן, זִי זָאל אִים בַּאדִינֶען, זִי זָאל אִים קָאכְן אוּן בַּאקְן אוּן זַיין גְרֵייט פַאר אִים וְכוּ' - דֶער הָאט בִּכְלָל נִישְׁט לִיבּ זַיין וַוייבּ, עֶר הָאט זִיךְ לִיבּ; נָאכְדֶעם אִיז דָא אֵיינֶער וָואס הָאט טַאקֶע לִיבּ זַיין וַוייבּ, עֶר זוּכְט ווִי אַזוֹי עֶר קֶען אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, עֶר טְרַאכְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג, עֶר לוֹיפְט נִישְׁט נָאךְ זַיין וַוייבּ טָאג אוּן נַאכְט, עֶר רֶעכְנְט זִיךְ מִיט אִירֶע גֶעפִילְן, עֶר הֶעלְפְט אִיר אָן קֵיין חֶשְׁבּוֹנוֹת - דֶער הָאט בֶּאֱמֶת לִיבּ זַיין וַוייבּ. דָאס זָאגְט דִי תּוֹרָה "וַיֶּאֱהָבֶהָ", יִצְחָק אָבִינוּ הָאט בֶּאֱמֶת לִיבּ גֶעהַאט זַיין וַוייבּ; עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט נָאכְקוּקְן דֶעם גַאנְצְן שְׁטִיקֶל.

אַ וַוייבּ קֶען מֶען נִישְׁט אָפְנַארְן; דִי וֶועלְט זָאגְט אַז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס אִיז אַ מֵבִין אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אִיז דִי וַוייבּ. דִי וַוייבּ וֵוייסְט פּוּנְקְטְלִיךְ אִיר סְחוֹרָה וָואס זִי הָאט בַּאקוּמֶען; וֶוען אַ פְרוֹי זֶעט ווִי אִיר מַאן רֶעכְנְט זִיךְ מִיט אִיר, עֶר הֶעלְפְט אַרוֹיס אִין שְׁטוּבּ אָן קֵיין חֶשְׁבּוֹנוֹת צוּ קֶענֶען שְׁפֶּעטֶער פַארְלַאנְגֶען עֶפֶּעס פוּן אִיר, נָאר עֶר הֶעלְפְט אִיר וַוייל עֶר הָאט אַ גֶעפִיל פַאר אִיר, עֶר גֶעבְּט אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער, עֶר רֶעדְט שֵׁיין צוּ אִיר, דָאס הֵייסְט גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט, אוּן אַז מֶען לֶעבְּט אוֹיף דֶעם אוֹפְן אִיז דֶער מַאן זֵייעֶר אַרוֹיף גֶעקוּקְט אִין אִירֶע אוֹיגְן, זִי וֶועט טוּן פַאר אִים אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט, זִי וֶועט אֵייבִּיג זַיין גְרֵייט פַאר אִיר מַאן וְכוּ', אָבֶּער וֶוען דִי פְרוֹי שְׁפִּירְט אַז דֶער מַאן לוֹיפְט אִיר נָאךְ וְכוּ' דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט גוּט.

מִיר מַאכְן יֶעדְן טָאג אַ בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי אִשָּׁה"; לִכְאוֹרָה, וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם בְּרָכָה - יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין פְרוֹי, דִי וֶועלְט קֶען דָאךְ נִישְׁט אָנְגֵיין אָן פְרוֹיעֶן, אוֹיף וָואס דַאנְקֶען מִיר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? (אַגַב, מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, אַז דִי בְּרָכָה וָואס דִי פְרוֹיעֶן מַאכְן "שֶׁעָשַׂנִי כִּרְצוֹנוֹ", אִיז סַאךְ אַ שֶׁענֶערֶע בְּרָכָה, וַוייל זֵיי גֶעבְּן זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן), זָאגְט מוֹהֲרָא"ש אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן מַאן אוּן וַוייבּ מִיט דֶעם נַאטוּר אַז דֶער מַאן זָאל זַיין דֶער מַשְׁפִּיעַ - דֶער וָואס גֶעבְּט, אוּן דִי פְרוֹי אִיז דִי מְקַבֵּל - זִי נֶעמְט, דַאנְקֶען מִיר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט קֵיין מְקַבֵּל, נָאר מִיר זֶענֶען דִי וָואס גֶעבְּן פַאר יֶענֶעם. דֶערְוַוייל שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז זֵייעֶר אַסַאךְ

אִינְגֶעלַייט זֶענֶען גָאר דִי וָואס זֶענֶען מְקַבֵּל, אַנְשְׁטָאט זֵיי זָאלְן גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְּט וְכוּ׳, זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט דִי וַוייבּ, זֶענֶען זֵיי דָא נָאר פַאר זִיךְ, מִיטְ׳ן אוֹיסְרֵייד אַז מִיר הָאבְּן לִיבּ דִי וַוייבּ.

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ אוֹיפְהֶערְן צוּ נֶעמֶען לִיבְּשַׁאפְּט, נָאר אַנְשְׁטָאט הוֹיבּ אָן גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְּט, וֶועסְטוּ נִישְׁט זַיין אַזוֹי מְזֻלְזָל אִין אִירֶע אוֹיגְן.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ, וֶועט דַיין וַוייבּ דִיךְ זֵייעֶר מַחְשִׁיב זַיין; אַ פְּרוּוּ הָאט זֵייעֶר לִיבּ צוּ זֶען ווִי אִיר מַאן לֶערְנְט. וֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג - דַיְקָא אִין שְׁטוּבּ - דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועט עֶר וֶוערְן אַרוֹיפְגֶעקוּקְט בַּיי זַיין וַוייבּ. אַנְשְׁטָאט אַרוֹיס צוּ לוֹיפְן יֶעדֶע נַאכְט פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט כְּלוֹמַר׳ישֶׁע חֲבֵרִים, מִיטְ׳ן אוֹיסְרֵייד: "אִיךְ גֵיי אִין כּוֹלֵל", "אִיךְ גֵיי לֶערְנֶען"; בְּלַייבּ עֶנְדֶערְשׁ אִין שְׁטוּבּ לֶערְנֶען. בְּשָׁעַת דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען וֶועט דַיין וַוייבּ עֶנְדִיגְן מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט, זִי וֶועט הֶערְן דֶעם זִיסְן גְמָרָא נִיגוּן, דוּרְכְדֶעם וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוֹישְׁן לְטוֹבָה.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר נָאר עֵצוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; דִי עֵצוֹת זֶענֶען נִישְׁט בַּדֶרֶךְ אֶפְשָׁר - אֶפְשָׁר וֶועט עֶס יָא הֶעלְפְן אוּן אֶפְשָׁר נִישְׁט, דָאס זֶענֶען זִיכֶערֶע עֵצוֹת; עֵצוֹת פוּן צַדִיקִים אִיז דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ז): "הָעֵצוֹת שֶׁל הַצַּדִּיק הֵם כּוּלוֹ זֶרַע אֱמֶת"; מִיט דִי עֵצוֹת וָואלְט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֶעקֶענְט הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת א, ה): "כָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחָה עִם הָאִשָּׁה, גּוֹרֵם רָעָה לְעַצְמוֹ, וּבוֹטֵל מִדִּבְרֵי תוֹרָה, וְסוֹפוֹ יוֹרֵשׁ גֵּיהִנָּם"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לוֹיפְט נָאךְ זַיין וַוייבּ וְכוּ׳, בְּרֶענְגְט עֶר אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס שְׁלֶעכְטְס, אוּן עֶר בַּאקוּמְט גֵיהִנוֹם אוֹיף דִי וֶועלְט. מַה שֶּׁאֵין כֵּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט שׁוֹין אוֹיף דִי וֶועלְט אִין ׳גַּן עֵדֶן׳, עֶר דַארְף נִישְׁט קַיין כּוֹלֵל עֶרֶב, קַיין כּוֹלֵל בּוֹקֶר, ווייל וואוּ עֶר אִיז - דָארְט אִיז זַיין כּוֹלֵל, עֶר זִיצְט אִין שְׁטוּבּ פַארְטָאגְס אוּן בַּיינַאכְט אוּן לֶערְנְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן - מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מִדְרָשׁ אוּן הֲלָכָה וְכוּ׳, זַיין וַוייבּ קוּקְט אִים אַרוֹיף, אַזוֹי אוֹיךְ עֶר אַלֵיינְס פַאר זִיךְ שְׁפִּירְט זִיךְ גוּט, ווַייל תּוֹרָה

מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַ מֶענְטְשׁ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה שְׁפִּירְט עֶר אַ טַעַם אִין זַיין לֶעבְּן.

אִיךְ קֶען נִישְׁט צוּפִיל מַאֲרִיךְ זַיין אִין דְבָרִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינָהּ מִפְּנֵי הַצְּנִיעוּת, אִיךְ הָאף אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

[...

### אַ דַאנְק פַארְ'ן בָּארְגְן אַ סֵפֶר תּוֹרָה פַאר דִי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ וִויל אַייךְ דַאנְקֶען פַארְ'ן בָּארְגְן אַייעֶר סֵפֶר תּוֹרָה פַאר אוּנְזֶער נֵייעֶר בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין בְּנֵי בְּרַק.

אַ גְרוּס פוּן אַייעֶר זוּן נֵרוֹ יָאִיר, עֶר אִיז אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן, עֶר אִיז קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה וְלִתְפִלָּה. אֵיינֶער דֶערְצֵיילְט מִיר אַז דַיין זוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט, יֶעצְט קוּמְט אוֹיס אַז עֶר דַארְף גֵיין צוּם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ כִּמְעַט אַ שָׁעָה, מֶען וואוֹינְט זֵייעֶר אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אִין שְׁטֶעטְל, מִיר פְּלַאנֶען בְּקָרוֹב צוּ עֶפֶענֶען אַ שׁוּל נֶעבְּן זַיין שְׁטוּבּ, הָאט דַיין זוּן גֶעזָאגְט יֶענֶעם אַז אֵיין זַאךְ וֶועט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, אֲפִילוּ מֶען וֶועט מַאכְן אַ שׁוּל נֶעבְּן זַיין שְׁטוּבּ וִויל עֶר וַוייטֶער קוּמֶען יֶעדֶע וָואךְ שַׁבָּת בַּיינַאכְט אַ שָׁעָה וֶועג, וַוייל דֶעמָאלְט קֶען עֶר זִיךְ גוּט אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז שְׁטָאק פִינְסְטֶער, עֶר גֵייט אַלֵיינְס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז זִיךְ מְיַשֵּׁב, עֶר גֵייט אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וָואךְ; עֶר דַאנְקְט אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים אוּן בֶּעט אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף.

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט צוּ מְתַּרְגֵּם זַיין דִי בְּרִיוְון

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק**

**יְיַשֶּׁר כֹּחַ מָרַת ... תְּחִיֶ׳**

נִישְׁטָא קַיין וֶוערְטֶער אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען אַייעֶר זְכוּת מִיטְ׳ן מְתַּרְגֵּם זַיין דִי בְּרִיוְון.

אִיר מַאכְט לִיכְטִיג פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וֶוער עֶס לֵיינְט דִי בְּרִיוו - וֶוערְט אִים לִיכְטִיג אִין לֶעבְּן.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; אִין דֶעם זְכוּת זָאלְט אִיר זֶען נָאר נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

...

## בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען דֶרֶךְ אֶרֶץ אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ג׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרַט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בֵּית שֶׁמֶשׁ ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

אֵיינֶער שְׁרַייבְּט מִיר דִי וֶוערְטֶער: "אוֹיבּ אִיז מֶעגְלִיךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל שְׁרַייבְּן וֶועגְן דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן אִינְמִיטְן זִינְגֶען אוּן דֶערְצֵיילְן, אָדֶער וֶוען אֵיינֶער לֵיינְט אוֹיף עֲצָתוֹ אֱמוּנָה".

אוֹיבּ וֶועל אִיךְ אַייךְ שְׁרַייבְּן הָאבּ אִיךְ אַ פְּרָאבְּלֶעם, וַוייל אַלֶע חַבּוּרוֹת וַוארְטְן אוֹיף בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, יֶעצְט וֶועלְן אַלֶע זֶען אַז אִיךְ שְׁרַייבּ פַאר אַייעֶר חַבּוּרָה אַ בְּרִיוו, זַיי וֶועלְן לֵיינֶען דֶעם בְּרִיוו, וֶועלְן זַיי טְרַאכְטְן אַז דָאס אִיז אַ גוּטֶע עֵצָה צוּ בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו, אוֹיבּ מִיר וֶועלְן אוֹיךְ שְׁמוּעֶסְן אוּן זִיךְ נִישְׁט פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וֶועט אוּנְז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיךְ שְׁרַייבְּן; דָאךְ וֶועל אִיךְ אַייךְ שְׁרַייבְּן.

אִיר וֵוייסְט זִיכֶער, אִיר הָאט שׁוֹין זִיכֶער גֶעהֶערְט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אוּן אִיר הָאט זִיכֶער שׁוֹין גֶעזֶען אִין דִי בְּרִיוו אַז בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז

גֶעוֶוען דֶרֶךְ אֶרֶץ אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִם קֵיסָרִים וּמְלָכִים הָיוּ יוֹדְעִים אֵיךְ אֲנִי מְלַמֵּד אֶת אַנְשֵׁי דֶּרֶךְ אֶרֶץ, הָיוּ שׁוֹלְחִים אֶת בְּנֵיהֶם אֵלַי לִלְמוֹד דֶּרֶךְ אֶרֶץ", וֶוען קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעוְוּיסְט וָואס פַּאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן אוֹיס מַיינֶע תַּלְמִידִים, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ מִיר אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ.

עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן וֶוען מֶען לֶערְנְט פָּאר דִבְרֵי תּוֹרָה בַּיים שַׁבָּת טִישׁ, בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אוּן סְתָּם אַזוֹי; מֶען דַארְף זִיצְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין לט.): "כָּל בֵּי עַשָׂרָה, שְׁכִינְתָּא שַׁרְיָא", וֶוען עֶס קוּמֶען זִיךְ צַאם צֶען מֶענְטְשְׁן אִיז דָארְט דָא הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן אָדֶער שְׁמוּעֶסְן בַּיים פָּארְלֶערְנֶען, בַּיי אוּנְז אִיז מֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם. אִיךְ זָאג דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט: "קֵיינֶער הֵייסְט דִיר נִישְׁט קוּמֶען דָא, אַז דִי דִיבּוּרִים אִיז דִיר נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט קֶענְסְטוּ שְׁלָאפְן אָדֶער אַרוֹיסְגֵיין אִינְדְרוֹיסְן שְׁמוּעֶסְן, אִין שׁוּל מוּז זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ".

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען זָאל רֶעדְן שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, מֶען זָאל קוּקְן גוּט אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן - וֶועט אִיר זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

...

## וֶוער עֶס טוּט פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן, דֶער בַּאקוּמְט אַ בְּרָכָה אִין זַיין צַייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בֹּא, ג' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי שֵׁיינֶע גְרוּסְן פוּן דִי חֲבוּרָה פוּן דִי בָּחוּרִים אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען מִיט יוּנְגֶערֶע בָּחוּרִים בְּחַבְרוּתָא, מֶען בֶּעט

דִיר מְטַעֵם הַיְשִׁיבָה דוּ זָאלְסְט דָאס טוּן, נָאר דוּ בִּיסְט מְסוּפָּק אוֹיב דוּ זָאלְסְט דָאס אָנְנֶעמֶען אָדֶער נִישְׁט; וָואס אִיז בִּכְלַל דִי פְרַאגֶע? אַוַדַאי זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מִיט יוּנְגֶערֶע בָּחוּרִים; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה, דוּ הָאסְט גוּטֶע כִּשְׁרוֹנוֹת, דוּ הָאסְט שְׁטָאף, דוּ הָאסְט אַ גֶעפִּיל צוּ אַנְדֶערֶע - זָאלְסְטוּ דָאס זִיכֶער טוּן.

זָארְג נִישְׁט וֶועגְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, דוּ וֶועסְט נָאר בַּאקוּמֶען דוּרְךְ דֶעם אַ בְּרָכָה אִין דַיין צַייט; וֶוער עֶס טוּט פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן - דֶער בַּאקוּמְט אַ בְּרָכָה אִין זַיין צַייט. פְּרוּבִּיר דָאס אוֹיס, אִיבֶּערְצֵייג זִיךְ, זָאג פַאר דִי יְשִׁיבָה אַז דוּ בִּיסְט גְרֵייט צוּ לֶערְנֶען מִיט יוּנְגֶערֶע, שְׁוַואכֶערֶע וְכַדוֹמֶה.

בְּלָאז אַרַיין אִין זֵיי אַ חַיוּת; דֶער עִיקָר וָואס פֶעלְט בַּיי בָּחוּרִים אִיז אֱמוּנָה אִין זִיךְ אַלֵיין. "לְהוֹדִיעַ לִבְנֵי הָאָדָם גְּבוּרֹתָיו" (תְּהִלִּים קמה, יב), טַייטְשְׁן צַדִיקִים, מֶען דַארְף מוֹדִיעַ זַיין פַאר מֶענְטְשְׁן זֵייעֶרֶע כֹּחוֹת וָואס לִיגְט בַּאהַאלְטְן אִין זֵיי; עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט שָׁאטְן, דוּ וֶועסְט הָאבְּן גֶענוּג צַייט פַאר דַיינֶע אֵייגֶענֶע שִׁיעוּרִים.

בַּיי שַׁחֲרִית זָאגְט מֶען בַּיי נְפִילַת אַפַּיִם "לְדָוִד אֵלֶיךָ ה'" (קַאפִּיטְל כה), בַּיי מִנְחָה זָאגְט מֶען רַחוּם וְחַנּוּן.

גֶעבּ אַ גְרוּס פַאר אַלֶע חֲבֵרִים, אִיךְ בֶּענְק זִיךְ שׁוֹין זֵייעֶר צוּ עֶנְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר צֵייטוּנְג הָאט אַבִּיסְל נֵייעֶס, אוּן דֶער עִיקָר תּוֹרָה, תְּפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בֹּא, ג' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרַט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, רֶעדַאקְטָאר שְׁטֶעטְל בְּלֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוּו.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיב דוּ זָאלְסְט מַאכְן אַ נֵייעֶס אִינֶעם צֵייטוּנְג פוּן דֶעם אַז מְנַחֵם אִיז גֶעוָוארְן אַ מִיטְגְלִיד אִין דִי פְּלֶענִינְ"ג בָּאוֹר"ד; יָא, דוּ קֶענְסְט מַאכְן אַ

נייעס, זָאלְסְט אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען דִי צִיל פוּן אוּנְזֶער צֵייטוּנְג, אוּנְזֶער צֵייטוּנְג "שְׁטֶעטְל בְּלֶעטְל" - הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט פַאר אֵיין צִיל. הֱיוֹת עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען נִישְׁט דֶערְבֵּיי צוּ נֶעמֶען שַׁבָּת בַּיינַאכְט אַ חוּמָשׁ, אָדֶער מִשְׁנָיוֹת, וְכַדוֹמֶה, אַזוֹי אוֹיךְ שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג, אַנְשְׁטָאט נֶעמֶען אַ תְּהִלִּים אוּן זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי זִיסֶע פְּסוּקִים, אִים דַאנְקֶען פַאר דִי וָואךְ וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוּן בֶּעטְן פַאר דִי נֵייעֶ וָואךְ וָואס קוּמְט, - וֶועלְן זֵיי עֶנְדֶערְשׁ זִיצְן מִיט אַ צֵייטוּנְג אוּן קוּקְן נֵייעֶס וְכַדוֹמֶה. דֶערִיבֶּער הָאבְּן מִיר גֶעמַאכְט דִי צֵייטוּנְג אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל אִין דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כד, ו): "כִּי בְתַחְבֻּלוֹת תַּעֲשֶׂה לְךָ מִלְחָמָה", מִיט חָכְמָה, מִיט דְרֵיידְלֶעךְ - זָאלְסְטוּ זִיךְ קְרִיגְן מִיטְ'ן יֵצֶר הָרָע; הָאבְּן מִיר גֶעמַאכְט דִי צֵייטוּנְג פַארְשְׁטֶעלְט מִיט נֵייעֶס, פַארְשְׁטֶעלְט מִיט בִּילְדֶער, אוּן אוּנְטֶער דִי בִּילְדֶער אוּן נֵייעֶס אִיז בַּאהַאלְטְן כְּבוֹד אֱלֹקִים.

אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן אַ בֵּיישְׁפִּיל וִוי אַזוֹי מֶען פְלֶעגְט אַ נֵייעֶס מִיט שֵׂכֶל אוּן עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען מִיט דֶער צַייט וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן דֶעם בְּלֶעטְל:

פוּן לִיבֶּערְטִי קוּמְט אַרַיין דִי גוּטֶע נֵייעֶס, אַ חָשׁוּבְ'עֶר אִינְגֶערְמַאן מִיטְ'ן נָאמֶען מְנַחֵם שְׁטֵיינְבֶּערְג הי"ו אִיז עֶרְוֶועלְט גֶעוָוארְן דוּרְכְ'ן טַאוּן לֶעגִיסְלַאטָאר צוּ וֶוערְן אַ חֵלֶק פוּן דִי פְּלֶענִינְ"ג בָּארְ"ד פוּן לִיבֶּערְטִי.

מֶען זֶעט דִי סִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט; קוֹים צְוֵויי יָאר צוּרִיק הָאבְּן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן קַיין לִיבֶּערְטִי, מֶען הָאט מְיַסֵּד גֶעוֶוען אַ שְׁטֶעטְל עַל שֵׁם רַבֵּינוּ. זוּמֶער שְׁנַת תשע"ט הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן אַ מִנְיָן מִשְׁפָּחוֹת, מֶען הָאט גֶעעֶפְנְט מוֹסְדוֹת וואוּ מִיר זֶענֶען מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער מִיט אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוֹיפְ'ן וֶועג פוּן רֶבִּי'ן.

אַלֶע וואוּנְדֶערְן זִיךְ: 'וָואס אִיז דִי סוֹד פוּן דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר שְׁטֶעטְל? וִוי אַזוֹי בְּלִיט דָאס אַזוֹי שֵׁיין? יֶעדֶע וָואךְ צִיעֶן זִיךְ אַרוֹיס נָאךְ מִשְׁפָּחוֹת, עֶס הַאלְט שׁוֹין בַּיי קָרוֹב צוּ הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת כֵּן יִרְבּוּ; וָואס אִיז זֵייעֶר סוֹד? וָואס אִיז פְּשַׁט אַז אִינְגֶעלַייט פוּן שְׁטֶעטְל זִיצְן שׁוֹין בַּיי מִיטִינְגֶען פוּן דִי רֶעגִירוּנְגְס בַּאאַמְטֶע?'

דֶער סוֹד אִיז תְּפִלָּה! נִישְׁטָא קַיין רִיר אִין שְׁטֶעטְל וָואס זָאל נִישְׁט זַיין אִין דֶעם הוֹיפֶּעטֶעס תְּפִלָּה; נִישְׁטָא קַיין שְׁטֵיינְדְל אִין שְׁטֶעטְל וָואס זָאל נִישְׁט לִיגְן אוּנְטֶער דֶעם תְּפִלָּה.

מִיר בֶּעטְן דִי חָשׁוּבְ׳עֶ לֵיינֶער, נֶעמְט נִישְׁט אָן וָואס מִיר שְׁרַייבְּן, גֵייט אַלֵיינְס אַרִיבֶּער אִין שְׁטֶעטְל, כַּאפְּט אַ שְׁמוּעֶס מִיט דִי אִינְגֶעלַייט וָואס וואוֹינֶען דָארְט, וֶועט אִיר זִיךְ אַלֵיינְס אִיבֶּערְצֵייגְן וָואס אִיר לֵיינְט. אִיר וֶועט שְׁטֵיין מִיט אַן אָפֶּענֶעם מוֹיל וֶוען אִיר וֶועט הֶערְן דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה פוּן פָּשׁוּטְ׳עֶ אִינְגֶעלַייט; אִינְגֶעלַייט וָואס אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה - הָאבְּן דִי הַשָּׂגָה וָואס צַדִיקִים הָאבְּן מַשִּׂיג גֶעוֶוען נָאךְ שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, דָאס אִיז דֶער כֹּחַ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ אוּנְז אֲנָשִׁים פְּשׁוּטִים מְאֹוד אוּן בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּ דִי הוֹיכֶע זַאכְן.

זִיךְ צוּ בַּאקֶענֶען פוּן דֶער נָאנְט מִיט דֶעם אִינְגֶערְמַאן מְנַחֵם שְׁטֵיינְבֶּערְג; מְנַחֵם אִיז אַ תַּלְמִיד פוּן יְשִׁיבָה, עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען בַּיי דִי דְרַייצְן יָאר צוּ קוּמֶען לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה, זַיינֶע עֶלְטֶערְן - אַזוֹי וִוי אַלֶע עֶלְטֶערְן וָואס הֶערְן לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף אוּנְזֶער יְשִׁיבָה - הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶר זָאל קוּמֶען לֶערְנֶען דָא, מֶען הָאט אִים גֶעפַּיינִיגְט מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין, וֶוען זֵיי הָאבְּן אַיינְגֶעזֶען אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט דִי אַלֶע פַּיין, דֶער בָּחוּר מְנַחֵם אִיז שְׁטַארְק וִוי אַ לֵייבּ, עֶר ווִיל גֵיין לֶערְנֶען נָאר אִין בְּרֶסְלֶב - הָאבְּן זֵיי אִים אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין תְּפִיסָה עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, בִּיז דִי שְׁטָאט הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעמִישְׁט, מִיט דִי הִילְף פוּן עַסְקָנִים אוּן מִיט דִי הִילְף פוּן מָרַת ... תְּחִיֶ׳ הָאט מֶען אִים אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין יְשִׁיבָה.

מְנַחֵם הָאט יֶעצְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּים זַיין דִי נַיין אוּן נַיינְצִיגְסְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה. דָאס אִיז אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ; גֶעוֶוענְלִיךְ דִי אַלֶע שׁוּשְׁקֶעס, דִי אַלֶע ווִיכְטִיג מַאכֶערְס וָואס שְׁטוּפְּן זִיךְ אַרַיין בַּיי דִי הוֹיכֶע פֶּענְסְטֶער - זֶענֶען אִינְגֶעלַייט וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט אוּן דַאוֶוענֶען קוֹים, זֵיי זוּכְן סִיפּוּק פַאר זֵייעֶר הוּנְגֶערִיגֶע נְשָׁמָה, דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת וֶוערְט קֶערְצֶער אוּן וֶוייניגֶער וְכוּ׳; אִין בְּרֶסְלֶב אִיז עֶס אַנְדֶערְשׁ, דַיְקָא דִי פְלַייסִיגֶע אִינְגֶעלַייט וָואס פַארְפֶעלְן נִישְׁט זֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, זֵיי לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה רַבָּה, -

דַיְקָא דִי אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן שֵׁיינֶע פֵּיאוֹת מִיט פִּילֶע בֶּערְד - דִי זֶענֶען דִי וִויכְטִיג מַאכֶערְס, דִי קְנַאקֶערְס וְכוּ׳.

עַד כַּאן הַנֵּייעֶס.

קֶענְסְט עֶס צוּפִּיצְן, קֶענְסְט אַרוּם דְרֵייעֶן; אִיךְ שִׁיק דִיר אַ בֵּיישְׁפִּיל וְוִי אַזוֹי אַ נֵייעֶס אִין דִי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר צֵייטוּנְג דַארְף זַיין, פִּינְטְלֶעךְ פוּן דִי נֵייעֶס אוּן דֶער עִיקָר תּוֹרָה, תְּפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

## זִיךְ הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשׁ - (ח״ב)

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר הַאלְטְן אִינְמִיטְן דֶערְצֵיילְן וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין חֵיפָה אוּן דֶער אַרַאבֶּער אִיז גֶעקוּמֶען מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן; לָאמִיר דֶערְצֵיילְן נָאךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה.

אוֹי וֵויי! דֶער אַרַאבֶּער אִיז שׁוֹין וַוייטֶער דָא! עֶר זוּכְט דֶעם רֶבִּי׳ן, עֶר פְרֶעגְט: ״וואוּ אִיז דֶער רֶבִּי?!״ עֶר לַאכְט אוּן עֶר זָאגְט: ״אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ דֶעם מֶענְטְשׁ (דֶעם רֶבִּי׳ן), אִיךְ וִויל אִים אַוֶועק גֶעבְּן מַיינֶע אֵייזְלֶען, אוֹיךְ גֶעבּ אִיךְ אִים אַוֶועק מַיין פֶערְד, עֶר זָאל קֶענֶען גֵיין קַיין טְבֶרְיָ׳, עֶר דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן מִיר״.

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ זַיין אַכְסַנְיָא אִיז דֶער אַרַאבֶּער גֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט, אוּן עֶר הָאט גֶעלַאכְט אוּן גֶעלַאכְט צוּם רֶבִּי׳ן.



מַיין גוּטֶער חַבֶר, אִיךְ גֶעבּ דִיר אַוֶועק מַיין פֶערְד

דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה מִיטְ'ן אַרַאבֶּער אִין חֵיפָה אִיז זֵייעֶר אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע גֶעשִׁיכְטֶע; וָואס הָאט דֶער אַרַאבֶּער גֶעוָואלְט פוּן רֶבִּי'ן...? אִין אָנְהֵייבּ הָאט עֶר גֶעוָואלְט מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר לִיבּ גֶעהַאט דֶעם רֶבִּי'ן; מִיר וֵוייסְן נִישְׁט דִי סוֹדוֹת פוּן דֶעם.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט מֶער יְסוּרִים פוּן דִי לִיבְּשַׁאפְט פוּנֶעם אַרַאבֶּער וִוי פוּן דִי פַיינְטְשַׁאפְט פוּנֶעם אַרַאבֶּער".

קִינְדֶער, מִיר נֶעמֶען אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה זַייעֶר אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן; וֶוען זֵיי קוּמֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל, זֵיי ווִילְן זַיין אַ חַבֶר, זֵיי גֶעבְּן מַתָּנוֹת, זֵיי לַאכְן - זָאל מֶען זִיךְ זַייעֶר הִיטְן פוּן זֵיי! עֶס אִיז מֶער סַכָּנָה וֶוען דֶער שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט זִיךְ ווִי אַ חַבֶר, ווִי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט זִיךְ קְרִיגְן, מֶען דַארְף אַוֶועקְלוֹיפְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס ווִילְן טוּן עֲבֵירוֹת.

(דִי עֶלְטֶערְן קֶענֶען דָא אַבִּיסְל שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאגְן: "אוֹיבּ אֵיינֶער ווִיל דִיךְ קִיצְלֶען אוּנְטֶער דַיינֶע קְלֵיידֶער אָדֶער אוֹיף דִי קְלֵיידֶער אוֹיף פְּרִיוַואטֶע פְּלֶעצֶער, יֶענֶער מַאכְט זִיךְ פַאר אַ חַבֶר, עֶר זָאגְט דִיר עֶר הָאט דִיךְ לִיבּ - זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּנֶעם אַרַאבֶּער וָואס הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעמַאכְט ווִי עֶר הָאט לִיבּ דֶעם רֶבִּי'ן).

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

# קוּנְטְרֵס סֵדֶר יְמֵי הַשִּׂמְחָה

# בֹּא-בְּשַׁלַּח

# תשפ"ב

**היכל הקודש ברסלב**
Heichal Hakodesh Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב**
**בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Liberty, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com
צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול**
**ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די**
**אידישע שטוב**
**212-444-9169**

*בס"ד*

סִימָן טוֹב וּמַזָּל טוֹב יְהֵא לָנוּ וּלְכָל יִשְׂרָאֵל, אָמֵן!

פוּן טִיפְן הַארְצְן פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט, שׁוֹמְעֵי לִקְחוֹ וְקוֹרְאֵי סְפָרָיו, דִי טוֹיזְנְטֶער תַּלְמִידִים אִיבֶּער דֶער גָארֶער וֶועלְט, בְּשִׂמְחַת מוֹרֵנוּ רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לְרֶגֶל נִשּׂוּאֵי בִּתּוֹ תִּחְיֶ' עב"ג הֶחָתָן הַנַּעֲלֶה הָרַב נְתַנְאֵל פָּארְקָאשׁ נֵרוֹ יָאִיר. גְלַייכְצֵייטִיג, שֶׁעפְּשֶׁען אַלֶע אַ תְּפִילָה צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל זֶען נַחַת בַּיים דֶעם פָּארְפָאלְק אוּן בַּיי אַלֶע קִינְדֶער, אוּן תַּלְמִידִים הַקְּרוּיִים בָּנִים, גֶעזוּנְטֶערְהֵייט מִיט הַרְחָבַת הַדַּעַת, אוּן אוּנְז קֶענֶען וַוייטֶער בַּאלַייכְטְן אוּנְזֶער לֶעבְּן וְוי אַזוֹי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ דִינֶען לוֹיט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת וְוי אַזוֹי אָבִינוּ רוֹעֵנוּ מוֹהֲרַ"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דָאס אוּנְז גֶעלֶערְנְט.
אַגְּרָא דְּבֵי הִילּוּלָא מִילֵי, לְאוֹר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט פַארְשְׁרִיבְּן אִין אַ בְּרִיוו דִי לִיכְטִיגֶע יוֹם הַחֲתוּנָּה אוּן דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת טֶעג, צַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, דְרוּקְן מִיר דֶעם בְּרִיוו אִין אַן עֶקְסְטֶערְן קוּנְטְרֵס.

קִרְאוּ וּתְחִי נַפְשְׁכֶם!

*מַעֲרֶכֶת עֲצָתוֹ אֱמוּנָה*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ז' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מַאנְטְשֶׁעסְטֶער**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ! אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אוּנְטֶערְפִירְן מַיין טָאכְטֶער אוּנְטֶער דִי חוּפָּה מִיט הֶחָתָן נְתַנְאֵל בֶּן רֶבִּי יוֹאֵל שְׁלִיטָ"א; מָה אָשִׁיב לַה' כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי.

דִי חֲתוּנָּה אִיז גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה; אַזוֹי שֵׁיין, אַזוֹי לִיכְטִיג. עֶס זֶענֶען שׁוֹין פָאָרְגֶעקוּמֶען אֵיין אִין דְרַייסִיג חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה, דָאס אִיז דִי צְוֵויי אִין דְרַייסִיגְסְטֶע חֲתוּנָּה בְּחִנָּם. דִי מִשְׁפָּחוֹת בְּרֶענְגֶען דִי עֶסְן, אוֹיךְ מַאכְט מֶען עֶסְן אִין יְשִׁיבָה, דִי גַאנְצֶע חֲתוּנָּה קָאסְט נִישְׁט קַיין אֵיין פְּרוּטָה פַאר דִי מְחוּתָּנִים; דִי מוּזִיק אִיז אַ טֶעיפּ, דִי בְּלוּמֶען אִיז עֶכְטֶע פַאלְשֶׁע; דָאס הָאט מֶען אֵיינְמָאל גֶעקוֹיפְט אוּן שׁוֹין אִיבֶּערְגֶענוּצְט צְוֵויי אִין דְרַייסִיג מָאל. דִי הָאר פַאר דִי כַּלָּה מַאכְט אַ תַּלְמִידָה; דִי סְקוּל הָאט בַּאצָאלְט פַאר אַפָּאר תַּלְמִידוֹת זֵיי זָאלְן זִיךְ לֶערְנֶען צוּ מַאכְן הָאר, אוּן אוֹיךְ מַאכְן זֵיי דִי פָּנִים פַאר דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס דַארְפְן דָאס. נִישְׁטָא קַיין גְרַאמֶער, מֶען רוּפְט אוֹיס אַלֶע מְחוּתָּנִים: "יַעֲמוֹד, יַעֲמוֹד"; עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין אוּן הֶערְלִיךְ.

דִי קַבָּלַת פָּנִים אִיז גֶעוֶוען הַאלְבּ זֶעקְס, מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען שֵׁיינֶע וַוארֶעמֶע נִיגוּנִים. נָאכְדֶעם אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען בַּאדֶעקְן דִי כַּלָּה, אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם בַּאדֶעקְן הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן פַאר דִי חָתָן כַּלָּה זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת חִתּוּן חֵלֶק ב', סִימָן ח): "הַכִּסּוּי שֶׁמְּכַסִּין פְּנֵי הַכַּלָּה קֹדֶם הַחֻפָּה", דָאס צוּדֶעקְן דִי כַּלָּה פַארְ'ן חוּפָּה, "יֵשׁ לָהּ כֹּחַ הַהוֹלָדָה", הָאט אַ כֹּחַ צוּ הָאבְן קִינְדֶער; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן פו): "מַה שֶּׁמְּכַסִּין אֶת הַכַּלָּה בְּדֶעק טוּךְ, כִּי הַכַּלָּה רוֹמֶזֶת לְרָחֵל 'עוּלֵימְתָּא שַׁפִּירְתָּא דְּלֵית לָהּ עֵינִין'", עַיֵּין שָׁם.

מַיין טאַטע דער קאַרלסבּורגער רַב שְׁלִיטָ"א איז גֶעוֶוען דער מְסַדֵּר קִידוּשִׁין. בַּיי מַיינע פְרִיעֶרְדִיגֶע צְוֵויי זִין הָאבּ אִיךְ נָאךְ גֶעהַאט מַיין זֵיידֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פַאר מְסַדֵּר קִידוּשִׁין, יֶעצְט הָאבּ אִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א.

דִי כְּתוּבָּה הָאט גֶעלֵיינְט מַיין פֶּעטֶער, מַיין מַאמֶע'ס בְּרוּדֶער, הָרַב יְחֶזְקֵאל טֵייטְלְבּוֹים שְׁלִיטָ"א דַיָּין אִין סַאטְמֶער. דֶער זֵיידֶע פוּנֶעם חָתָן, הָרַב הַחָסִיד רֶבִּי אַבְרָהָם חַיִּים פָּארְקָאשׁ שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט צְוֵויי בְּרָכוֹת. מַיין שְׁוֶוער'ס בְּרוּדֶער, הָרַב דָּוִד דוֹב מֵייזְלִישׁ שְׁלִיטָ"א, וַויטְצֶענֶער רָב - הָאט גֶעזָאגְט אַ בְּרָכָה, אוּן מַיין שְׁוֶוער הָרַב רֶבִּי מָרְדְּכַי אַהֲרֹן שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט בְּרָכָה אַחֲרִיתָא.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ גוּט מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען אוּנְטֶער דִי חוּפָּה, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גוּטֶע דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר אוּן פַאר אַלֶעמֶען, פַאר אַלֶע וָואס דַארְפְן שִׁידוּכִים, פַאר אַלֶע וָואס דַארְפְן קִינְדֶער אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

נָאךְ דִי חוּפָּה הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶונְט מַעֲרִיב, נָאךְ מַעֲרִיב הָאט מֶען זִיךְ גֶעוַואשְׁן צוּ דִי סְעוּדָה, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ אִינְזִין גֶעהַאט דֶערְבֵּיי סְעוּדַת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעשְׁמַאקֶע סְעוּדָה, פָּשׁוּט'עֶ עֶסְן; בִּילְקֶעלֶעךְ, גֶעפִילְטֶע פִישׁ, פְלֵייש מִיט קַארְטָאפְל. הַבָּחוּר שְׁלֹמֹה גוּטְוֵויין נֵרוֹ יָאִיר הָאט צוּגֶעשְׁטֶעלְט דִי עֶסְן אִין יְשִׁיבָה, עֶר אִיז זֵייעֶר גֶעטְרֵיי.

דִי טַאנְצְן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ טַאנְצְן אִין קְלוֹיז אִין אוּמַאן: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזֶען טַאנְצְן מִיט הִתְעוֹרְרוּת, אָבֶּער טַאנְצְן מִיט שִׂמְחָה - הָאבְּן אִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען"; מַמָּשׁ אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁפִּירְט, דִי טַאנְצְן אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטִיק שִׂמְחָה. אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, מִיר וֵוייסְן אַז מֶען מֶעג זַיין פְרֵיילִיךְ; רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער

פְלֶעגְט זָאגְן: "דִי וֶועלְט מֵיינְט אַז צוּ זַיין אַ ל"ו צַדִיק דַארְף מֶען זַיין אַ וַואסֶער שֶׁעפֶּער, אוּן דִי וֶועלְט מֵיינְט אַז צוּ זַיין אַ צַדִיק דַארְף מֶען זַיין טוּיט דֶעפְּרֶעסְט, מֶען קֶען זַיין אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, אַן אוּיפְגֶעלֵייגְטֶער מֶענְטְשׁ אוּן זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען קֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אַ בַּאלֶעבַּאטִישֶׁער אִיד אַזוֹי וִוי ר' אַבְרָהָם בֶּערְנְיוּ, דֶעם רֶבִּינְ'ס אֵיינִיקְל, אוּן זַיין פוּן דִי ל"ו צַדִיקִים".

מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א, אוּן מַיין שְׁוֶוער שְׁלִיטָ"א הָאבְּן זֵייעֶר גֶעטַאנְצְן. עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַלֶע חֲבֵרִים, אַלֶע תַּלְמִידִים, דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל, אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען, זֵיי הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט דִי קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט צוּ זֵיי. אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז דַיין בְּרוּדֶער נֵרוֹ יָאִיר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען, לֶעצְטְנְס קוּמְט עֶר נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה, אַ שָׁאד; אִיךְ הָאבּ אִים אַזוֹיפִיל מְחַזֵק גֶעוֶוען, אַ שָׁאד אַז עֶר קוּמְט נִישְׁט, זָאג אִים עֶר זָאל קוּמֶען, אִיךְ הָאבּ פַאר אִים אַ גוּטֶער שִׁידוּךְ.

עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַסַאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוֹיךְ רֶבִּי נַחְמָן שִׁיק שְׁלִיטָ"א, מוֹהַרָא"שְׁ'ס זוּן - אִיז גֶעקוּמֶען. עֶר הָאט גֶעטַאנְצְן מִיטְ'ן חָתָן אוּן מִיט מִיר, אִינְמִיטְן טַאנְצְן אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּקָאכְט אוּן עֶר שְׁרֵייט צוּ מִיר אִין אוֹיעֶר: "דֶער טַאטֶע אִיז דָא, אִיךְ זָאג דִיר עֶר אִיז דָא", מֵיינֶענְדִיג צוּ זָאגְן אַז מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָא; בַּיי מִיר אִיז דָאס נִישְׁט אַ נֵייעֶ זַאךְ, מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָא מִיט אוּנְז, מוֹהֲרָא"שׁ גֶעפוּנְט זִיךְ דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט פוּן אִים, דָארְט וואוּ מֶען טוּט זַיין רָצוֹן. בַּיי אוּנְז לֶעבְּט מֶען מִיט מוֹהֲרָא"שׁ; גֶעדֶענְקְסְט אַוַודַאי וִוי אַזוֹי מֶען לֶעבְּט אִין יְשִׁיבָה, מֶען לֶעבְּט מוֹהֲרָא"שׁ, מֶען אָטֶעמְט מוֹהֲרָא"שׁ; הַלְוַאי זָאלְן אַלֶע וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אַזוֹי לֶעבְּן מִיט מוֹהֲרָא"שׁ.

גֶעדֶענְקְסְט וֶוען מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ וַוייזְן דִי זְמִירוֹת וָואס מִיר הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן, אוֹיפְ'ן דֶעקְל שְׁטֵייט יָצָא לָאוֹר עַל יְדֵי מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט בִּנְשִׂיאוּת, מִיסוֹדוֹ, בְּהַנְהָלַת וְכוּ'; הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיגְן

צוּ מוֹהֲרָא"ש אַז יוֹאֵל ווִיל פִירְן, וְהָא רַאְיָ' עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט מוֹהֲרָא"שְ'ס נָאמֶען... אִיךְ הָאבּ זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, אִיךְ הָאבּ גֶעוִויזְן פַאר דִי תַּלְמִידִים, קוּק אַרַיין אִין דִי זְמִירוֹת, קוּק דִי נִיגוּנִים, יֶעדֶע נִיגוּן אִיז מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, מוֹהֲרָא"ש לֶערְנְט אוּנְז וְכוּ' וְכוּ'.

אַוַודַאי אִיז מוֹהֲרָא"ש דָא, נִישְׁט נָאר מוֹהֲרָא"ש, נָאר אוֹיךְ דֶער רֶבִּי אוּן רֶבִּי נָתָן, אַלֶע צַדִּיקִים זֶענֶען אִין יְשִׁיבָה. אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען לֶעבְּט מִיט צַדִּיקִים - זֶענֶען דִי צַדִּיקִים דָארְט, בִּפְרַט בַּיי דִי חֲתוּנָה זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי בֶּעטְלֶערְס; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ ווִיל זֶען דִי בֶּעטְלֶערְס, אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִי בֶּעטְלֶערְס. דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג): "ווִי זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גִיבֶּענְקְט נָאךְ דֶעם בְּלִינְדְן בֶּעטְלֶער, דֶערְוַוייל רוּפְט עֶר זִיךְ אָן, אִיךְ בִּין דָא, אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף דֶער חֲתוּנָה", נָאכְן זִיךְ בֶּענְקֶען דֶעמָאלְט הָאבְּן זִיךְ דִי בֶּעטְלֶערְס בַּאוִויזְן; עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אִין דִי מַעֲשֶׂה אַז דִי בֶּעטְלֶערְס זֶענֶען גֶעקוּמֶען, עֶס שְׁטֵייט, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ בִּין דָא"; זֶעט מֶען אַז מֶען קֶען שְׁטֵיין נֶעבְּן בֶּעטְלֶער, מֶען קֶען זִיךְ גֶעפִונֶען בַּיים בֶּעטְלֶער, אָבֶּער מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט, מֶען לֶעבְּט נִישְׁט מִיט זֵיי, נָאר נָאכְן בֶּענְקֶען, וֶועלְן אוּן הָאפְן - דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה זֵיי צוּ גֶעפִונֶען.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קִידּוּשׁ הַשֵּׁם. דוּ וֵוייסְט דָאךְ וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף אוּנְזֶער יְשִׁיבָה, דִי לָשׁוֹן הָרָע אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, עַד כְּדֵי כַּךְ, אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן, זֵיי לֵיינֶען דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע בְּרִיוו פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; נִישְׁט נָאר זֵיי לֵיינֶען דִי בְּרִיוו, נָאר זֵיי לֶעבְּן מִיט דִי בְּרִיוו, עֶס אִיז זֵייעֶר חַיּוּת - דָאךְ ווִילְן זֵיי נִישְׁט אַרוֹיפְקוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, זֵיי טְרַאכְטְן אַז דָא דְרֵייעֶן זִיךְ מִי יוֹדֵעַ וֶוער, אוּן וֶוען מֶען טְרָאגְט זֵיי אָן אַ שִׁידּוּךְ פוּן יְשִׁיבָה - ווִילְן זֵיי נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, זֵיי זֶענֶען אַזוֹי זִיכֶער אַז דָא זֶענֶען דִי בָּחוּרִים קַלִּים וְרֵקִים.

יֶעצְט וֶוען עֶס אִיז דָא אַ חֲתוּנָה קוּמֶען אַלֶע צוּ גֵיין, קְרוֹבִים וָואס וָואלְטְן

נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ קָרוֹב׳ס חֲתוּנָה; דָאךְ אִין בְּרֶסְלֶב, אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אִין יְשִׁיבָה - ווִילְן זֵיי זֶען; אִיז דָאס אַ שְׁטַארְקֶע הֲפָצָה. בִּפְרַט מַיין מִשְׁפָּחָה זֶענֶען אַלֶע רַבָּנִים, דַיָּנִים, מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים וְרָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת, פוּן אַלֶע זַייטְן; פוּן מַיין טַאטֶע׳ס זַייט, פוּן מַיין מַאמֶע׳ס זַייט, אוֹיךְ פוּן מַיין שְׁוֶוער׳ס זַייט אוּן מַיין שְׁוִויגֶער׳ס זַייט, אַלֶע הָאבְּן גֶעזֶען דִי יְשִׁיבָה, דִי בָּחוּרִים, דִי פָּשׁוּטְ׳עֶ חֲתוּנוֹת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער סַאטְמֶערֶער דַיָין פוּן קִרְיַת יוֹאֵל, הָרַב הַגָּאוֹן רֶבִּי גֶעצִיל בֶּערְקָאוִויטְשׁ שְׁלִיטָ״א אִיז גֶעקוּמֶען, עֶר אִיז אַן אֵיידֶעם בַּיי מַיין שְׁוֶוער׳ס שְׁוֶוער, הָרַב הַגָּאוֹן רֶבִּי יִצְחָק דָוִד פְרִיעֶדְמַאן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, דֶער פָּאפָּא׳עֶר רֹאשׁ הַכּוֹלֵל; עֶר זָאגְט מִיר כְּסֵדֶר וֶוען עֶר טְרֶעפְט מִיר אַז עֶר וֶועט זַייעֶר נִתְפָּעֵל פוּן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, פוּן דִי דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם. אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען דֶער סַאטְמֶערֶער דַיָין פוּן בָּארָא פַּארְק, הָרַב הַגָּאוֹן רֶבִּי מֹשֶׁה פְרִיעֶדְמַאן שְׁלִיטָ״א, אַן אֵיידֶעם בַּיי מַיין זֵיידֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן דִי יְשִׁיבָה אוּן פוּנֶעם חָתָן.

אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען מַיין פֶעטֶער הָרַב רֶבִּי יוֹסֵף טֵייטְלְבּוֹים שְׁלִיטָ״א, רֹאשׁ הַכּוֹלֵל פוּן סַאטְמֶער בָּארָא פַּארְק, אַ בְּרוּדֶער פוּן מַיין מַאמֶע. אוֹיךְ מַיין פֶעטֶער רֶבִּי יַעֲקֹב טֵייטְלְבּוֹים שְׁלִיטָ״א, דֶער רָב פוּן תּוֹלְדוֹת אַבְרָהָם יִצְחָק אִין מָאנְסִי, עֶר אִיז זֵייעֶר וַוארֶעם פַאר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, עֶר זָאגְט מִיר אַלְץ אַז דֶער פְּלַאץ אִיז אַ הֵיילִיגֶע פְּלַאץ.

מַיין זֵיידֶע קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה בַּיי מַיין זוּן שְׁלֹמֹה׳ס חֲתוּנָה, הָאט עֶר מִיךְ צוּגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: ״עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ דָא אַ רֵיחַ טָהֳרָה״; עֶר הָאט דָאס אַפָּאר מָאל אִיבֶּערְגֶעזָאגְט.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס אַלֶעס ווייל אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז דוּ הָאסְט גֶעהַאט אִין פְּלַאן צוּ קוּמֶען מִיטְהַאלְטְן דִי שִׂמְחָה, לְמַעֲשֶׂה בִּיסְטוּ נִישְׁט גֶעקוּמֶען; זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַבִּיסְל וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען.

אִיךְ וִויל דִיר זֵייעֶר מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט אוֹיפְלֶעבְּן גַאנְץ מַאנְטְשֶׁעסְטֶער, אִם קָטָן אַתָּה בְּעֵינֶיךָ - רֹאשׁ שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל אַתָּה! וֶוען עֶס קוּמְט צוּ מְחַזֵק זַיין אַנְדֶערֶע - טָאר מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן 'מִי אָנֹכִי? וֶוער בִּין אִיךְ?' מֶען דַארְף לִיכְטִיג מַאכְן פַאר אַנְדֶערֶע.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ז.): "נִמְשְׁלוּ דִּבְרֵי תוֹרָה כָּעֵץ", דִי תּוֹרָה אִיז צוּגְעגְלִיכְן צוּ הָאלְץ, "שֶׁנֶּאֱמַר", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ג, יח): "עֵץ חַיִּים הִיא לַמַּחֲזִיקִים בָּהּ", דִי תּוֹרָה אִיז אַ לֶעבֶּעדִיגֶע בּוֹים, "לוֹמַר לְךָ", אוּנְז צוּ לֶערְנֶען, "מַה עֵץ קָטָן מַדְלִיק אֶת הַגָּדוֹל", אַזוֹי וִוי אַ קְלֵיינֶע שְׁוֶועבֶּעלֶע צִינְדְט אָן אַ גְרוֹיסְן דִיקְן בּוֹים, "אַף", אַזוֹי אוֹיךְ, "תַּלְמִידֵי חֲכָמִים קְטַנִּים מְחַדְּדִים אֶת הַגְּדוֹלִים", דִי יוּנְגֶע מְקוֹרָבִים, דִי יוּנְגֶע קְלֵיינֶע - לֶעבְּן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע.

בַּיים צְוֵוייטְן טַאנְץ הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר גֶעטַאנְצְן מִיט מַיין פֶּעטֶער רֶבִּי שְׁמוּאֵל טֵייטְלְבּוֹים שְׁלִיטָ"א. דוּ קֶענְסְט אִים גוּט, עֶר לֶערְנְט בְּחַבְרוּתָא מִיט דַיין זֵיידֶע ר' יִצְחָק פְרִידְמַאן, עֶר דַאוֶונְט אִין דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר שׁוּל אוֹיף לִיעֶוֶוענְיוּ בַּיי דַיינֶע פֶּעטֶערְס, מִשְׁפַּחַת וַואסִילְסְקִי. עֶר הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייְדְט אוֹיפְ'ן עֶרְד וִוי אַ רֶעדְל, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן פו): "מַה שֶּׁמְּהַפְּכִין אֶת עַצְמָן", וָואס אִיז דִי טַעַם בַּיי אַ חֲתוּנָה אַז מֶען דְרֵייְדְט זִיךְ אִיבֶּער? "זֶה בְּחִינַת (שְׁמוֹת יט ג): "וּמשֶׁה עָלָה"", בַּיים חָתָן בַּיי זַיין חֲתוּנָה ווערְט יֶעצְט בַּיי אִים אַ בְּחִינָה פוּן קַבָּלַת הַתּוֹרָה, אוּן מִיר גֶעפִינֶען אַז בַּיים בַּארְג סִינַי אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרוֹיף אִין הִימְל, אוּן (שְׁמוֹת יט כ): "'וַיֵּרֶד ה' עַל הַר סִינַי', שֶׁהַתַּחְתּוֹנִים עָלוּ לְמַעְלָה וְהָעֶלְיוֹנִים יָרְדוּ לְמַטָּה", כִּבְיָכוֹל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען עַל הַר סִינַי.

צוּם בֶּענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען מַיין שְׁוָואגֶער הָרַב יוֹאֵל זוּסְמַאן הוֹרְוִויץ, אַ זוּן פוּן סְפִּינְקֶער רֶבִּי שְׁלִיטָ"א; מִיט דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת הָאבּ אִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען מַיינֶע פֶּעטֶערְס, אֵיין בְּרָכָה הָאט גֶעזָאגְט אוּנְזֶער דַיָּן הָרַב ר' יוֹנָה.

בַּיים מִצְוָה טַאנְץ הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מִיר זָאלְן שׁוֹין אַלֶע זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ הָאבּ גֶעטַאנְצְן מִצְוָה טַאנְץ אַפָּאר רְגָעִים אָנְכַאפְּנְדִיג דִי הֶענְט, אוּן נָאכְדֶעם לִפְנֵי הַכַּלָּה; עֶס זֶענֶען דָא פַארְשִׁידֶענֶע מִנְהָגִים וִוי אַזוֹי מֶען טַאנְצְט מִצְוָה טַאנְץ מִיט אַ טָאכְטֶער, אַ טֵייל טַאנְצְן מִיט דִי הֶענְט, מֶען כַאפְּט אָן דִי טָאכְטֶער, אַ טֵייל טַאנְצְן מִיט אַ גַארְטְל אוּן אַ טֵייל טַאנְצְן אָן גָארְנִישְׁט.

עֶס אִיז בַּאוְוּסְט (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן טז; פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק סִימָן תקכח) אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, בַּיי דִי חֲתוּנָה פוּן זַיין טָאכְטֶער מִרְיָם, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט טַאנְצְן מִיט אִיר מִצְוָה טַאנְץ, אָבֶּער דֶער מְחוּתָּן, דֶער וָואלְטְשִׁיסְקֶער הָאט דָאס נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט אוּן דֶער רֶבִּי אִיז פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן, בַּיים סוֹף הָאט זִי נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "מִרְיָם הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּכְבוֹד מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, הָאט זִי בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ שֶׁנִּתְיַבְּמָה אוּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער"; עַל כָּל פָּנִים, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטַאנְצְן מִצְוָה טַאנְץ בַּיי דִי אַנְדֶערֶע טֶעכְטֶער.

נָאךְ דִי חֲתוּנָה בִּין אִיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם וַואכְטְנַאכְט פוּן יַעְנְקִי לֶעזֶער נֵרוֹ יָאִיר, דִי וַואכְטְנַאכְט אִיז גֶעוֶוען בַּיי זַיין שְׁוֶוער מָרְדְּכַי יוֹנָה.

מָאנְטָאג אִינְדֶערְפְרִי אִיז גֶעוֶוען דִי בְּרִית אִין יְשִׁיבָה, זַיין טַאטֶע רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען, עֶר אִיז אִין יַבְנְאֵל. זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ מַאשִׁין עֶר זָאל קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן דִי בְּרִית מִיט דִי סְעוּדַּת בְּרִית, אוֹיךְ הָאט מֶען גֶעקֶענְט זֶען דָא וָואס טוּט זִיךְ אִין יַבְנְאֵל.

סַנְדְּקָאוֹת הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן זַיין שְׁוֶוער, מִיר הָאט עֶר מְכַבֵּד גֶעוֶוען אֶל הַכִּסֵּא אוּן עֲמִידָה לַבְּרָכוֹת, דִי בְּרָכוֹת הָאט גֶעזָאגְט זַיין שְׁוֶוער'ס טַאטֶע, וְיִקָּרֵא שְׁמוֹ בְּיִשְׂרָאֵל בִּנְיָמִין בֵּיינִישׁ לֶעזֶער.

גֶעדֶענְקְסְט אַוַודַאי ר' בִּנְיָמִין בֵּיינִישׁ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ

פְרֵיילִיכֶער אִיד, אַ אִיד פוּל מִיט חַיוּת, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעטַאנְצְן אוּן גֶעזִינְגֶען, בַּיי יֶעדֶע שִׂמְחָה הָאט עֶר נָאר גֶעזִינְגֶען אוּן גֶעטַאנְצְן, עֶר פְלֶעגְט קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה בַּיי שִׂמְחוֹת פוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, אַלְץ אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען גֶעבְּן גוּטֶע װֶערְטֶער, מַאכְן שְׁפִּירְן יֶענֶעם גוּט.

בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט רֶבִּי יִצְחָק גֶערֶעדְט, מֶען הָאט אִים גֶעהֶערְט מִיט דִי מַאשִׁין.

נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ פָארְגֶעלֶערְנְט דִי שִׁיעוּר גְמָרָא אִין יְשִׁיבָה, אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אַ שִׁיעוּר הִתְחַזְקוּת פַאר דִי בָּחוּרִים. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט צוּ דִי חֲתָנִים; זֵיי דַארְפְן זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן, מֶען דַארְף פְּרִישׁ מְקוּרָב װֶערְן װען מֶען הָאט חֲתוּנָה. אִיךְ וֵויים נִישְׁט אוֹיבּ דוּ הֶערְסְט אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים פוּן יְשִׁיבָה אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן, דִי שִׁיעוּר אִיז װֶערְד אוֹיסְצוּהֶערְן. אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן אֱמוּנָה, מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען מִיט דִי בָּחוּרִים דִי נִיגוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִבַּארְדִיטְשׁוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, "דוּ, דוּ, דוּ":

"אַז עֶס אִיז גוּט - אִיז דָאךְ דוּ, חָלִילָה פַארְקֶערְט [װֶען עֶס גֵייט נִישְׁט גוּט] - אִיז וַוייטֶער דוּ, אַז עֶס אִיז דוּ - אִיז גוּט, אוּן אַז עֶס אִיז גוּט - אִיז וַוייטֶער דוּ".

בַּיינַאכְט הָאט מַיין טַאטֶע, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רַב שְׁלִיטָ"א גֶעמַאכְט אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין. מַיינֶע פֶעטֶערְס זֶענֶען גֶעקוּמֶען, מַיין שְׁוֶוער הָאט גֶערֶעדְט זֵייעֶר הַארְצִיג, בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "וִוי אִיז דָא אַ שֶׁענֶערֶע זַאךְ, אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה דֶערְוֶועלְט זִיךְ אַ תַּלְמִיד, אֵיינֶער וָואס עֶר הָאט אַלֵיינְס אַרַיינְגֶעלֵייגְט כֹּחוֹת אִין אִים?"

אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, װֶען אִיךְ הֶער דְרָשׁוֹת הֶער אִיךְ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ דִיבּוּרִים. װֶען מַיין טַאטֶע רֶעדְט, מַיין שְׁוֶוער, אַזוֹי אוֹיךְ אַנְדֶערֶע; אִיךְ בַּאלֶעק זִיךְ דִי פִינְגֶער. מַיין שְׁוֶוער הָאט גֶעפְרֶעגְט, וָואס אִיז דִי פְּשַׁט פוּן שִׂמְחַת חָתָן וְכַלָּה וָואס מֶען מַאכְט בַּיי דִי חֲתוּנָה, לִכְאוֹרָה וָואלְט

מֶען שׁוֹין גֶעדַארְפְט פְּרַאֶווען דִי גַאנְצֶע זַאךְ בַּיי דִי לְחַיִּים, בַּיי דִי וָוארְט; וָואס אִיז יֶעצְט דִי שִׂמְחָה?

עֶר הָאט דֶערְמַאנְט דִי וֶוערְטֶער פוּן זוֹהַר דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה (רַעֲיָא מְהֵימְנָא, פַּרְשַׁת בֹּא, דַף מ:) וָואס דַארְף מֶען דֶערְצֵיילְן דִי נִיסִים פֶּסַח בַּיינַאכְט, אַמֶער, "וְהָא קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא יָדַע כֹּלָּא!" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט דָאךְ סֵיי ווִי אַלֶעס, "כָּל מַה דַּהֲוָה", אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען, "וְיֶהֱוֵי לְבָתַר דְּנָא", אוּן וָואס גֵייט זַיין! דִי בַּאקַאנְטֶע שְׁטִיקְל זוֹהַר וָואס מֶען זָאגְט פֶּסַח בַּיים סֵדֶר, נָאר מֶען דַארְף כְּסֵדֶר לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס וַוייזְט מֶען פַארְ'ן חָתָן, בַּיים שִׁידוּךְ בִּיסְטוּ דָאךְ גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, הָאסְט גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעצְט זָאלְסְטוּ וַוייטֶער דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן, אַזוֹי הָאט עֶר צַאמְגֶעפְלָאכְטְן דֶעם צְוֵוייטְן חֵלֶק זוֹהַר וָואס רֶעדְט זִיךְ פוּן תְּשׁוּבָה, ווִי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פְּרֶעגְט, וָואס פֶעלְט אוֹיס צוּ דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, דִי עֲבֵירוֹת, חֲטָאִים אוּן עֲווֹנוֹת וְכוּ'? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט דָאךְ אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען אוּן וָואס וֶועט זַיין? נָאר וֶוען דֶער מְקַטְרֵג קוּמְט מְקַטְרֵג זַיין אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, עֶר זוּכְט אַן עוֹנֶשׁ, זָאגְט מֶען אִים, מֶען אִיז זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעקוּמֶען, עֶר הָאט שׁוֹין דֶערְצֵיילְט אוּן גֶעבֶּעטְן אַ תְּשׁוּבָה, אַזוֹי אוֹיךְ אַ חָתָן, בְּיוֹם חֻפָּתוֹ אִיז אַ טָאג פוּן תְּשׁוּבָה, מוֹחֲלִין לוֹ כָּל עֲווֹנוֹתָיו, זָאגְט מֶען דֶעם חָתָן, אַזוֹי זָאלְסְטוּ לֶעבְּן דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן.

דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ דֶער חָתָן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן הֵייבְּט אָן רֶעדְן דִּבְרֵי תּוֹרָה, מִיר אִיז גוּט גֶעוָוארְן... נָאךְ אַ מַזָּל מֶען פִירְט זִיךְ אַז מֶען זִינְגְט אַרַיין. דֶער חָתָן אִיז נָאךְ יוּנְג, אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ פָאר וֶוען עֶר וָואלְט וֶוען גֶערֶעדְט וָואלְט עֶר גֶערֶעדְט אָן קַיין צִמְצוּם; יוּנְגֶע מְקוֹרָבִים, פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים כַאפְּן נִישְׁט דִי נְקוּדָה ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן בַּיי אַ שִׂמְחָה.

וֶוער עֶס גֶעדֶענְקְט מוֹהֲרָא"שׁ, בְּרֹב חָכְמָתוֹ, עֶר הָאט גֶערֶעדְט לוֹיט דִי מִשְׁתַּתְּפִים, בִּבְחִינַת (זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, דַף קפו:): "זַכָּאָה מַאן דְּמַלִּיל עַל אוּדְנִין דְּשָׁמְעִין", וואוֹיל אִיז דֶער וָואס רֶעדְט צוּ אוֹיעֶרְן וָואס הֶערְן,

מוֹהֲרָא״ש פְלֶעגְט אַלְץ רֶעדְן פוּן צַדִיקִים לוֹיט דִי מִשְׁפָּחָה צוּ וואו זַיין קֶערְן זִיךְ, וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שִׂמְחָה פוּן סַאטְמֶערֶע חֲסִידִים פְלֶעגְט עֶר רֶעדְן פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן סַאטְמַאר רֶבִּי, וֶוען עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען בֶּעלְזְא חֲסִידִים הָאט עֶר גֶערֶעדְט פוּן בֶּעלְזְא רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, און אַזוֹי וַוייטֶער.

דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חֲנוּפָה חַס וְשָׁלוֹם, מוֹהֲרָא״ש הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעחַנְפְה׳ט, אֲפִילוּ בַּיי שִׂמְחוֹת. אִיךְ גֶעדֶענְק, יָארְן צוּרִיק הָאבְּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעמַאכְט אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת פַּאר אֵיינֶעם פוּן דִי חַבוּרָה, מוֹהֲרָא״ש אִיז גֶעקוּמֶען, מֶען הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען מוֹהֲרָא״ש צוּ רֶעדְן, דֶער זֵיידֶע פוּנֶעם חָתָן דַאוֶוענְט מִיט סִדוּרִים פוּן קַבָּלָה, יֶעדֶע וָוארְט פוּן דַאוֶוענֶען דַארְף מֶען מִישְׁן דַפִּים, גַאנְצֶע בְּלֶעטֶער מִיט שֵׁמוֹת, מוֹהֲרָא״ש בַּיים דְרָשָׁה הָאט זֵייעֶר חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן דֶעם, מוֹהֲרָא״ש הָאט נָאכְגֶעמַאכְט דִי וֶועג וִוי אַזוֹי עֶס קוּקְט אוֹיס וֶוען מֶען דַאוֶוענְט אַזוֹי, אַלֶע הָאבְּן גֶעלַאכְט. עֶס אִיז גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ זֶען אַז מוֹהֲרָא״ש אִיז שְׁטַארְק מִיט זַיין נְקוּדָה, פוּן אֵיין זַייט זֶעעֶן מִיר בַּיי שִׂמְחוֹת וֶוען עֶס קוּמֶען מִשְׁפָּחָה, נִישְׁט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, רֶעדְט מוֹהֲרָא״ש צוּ זֵיי פוּן צַדִיקִים פוּן זֵייעֶר אָפְּשְׁטַאם, און פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאגְט מוֹהֲרָא״ש זַיין נְקוּדָה אָן קַיין שׁוּם פַּחַד.

דֶער חָתָן׳ס זֵיידֶע רֶבִּי אַבְרָהָם חַיִים פָּארְקָאשׁ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָּארְן, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ קוּמֶען, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶערֶעדְט זַיינֶע חִידוּשִׁים. מִן הַסְתָּם קֶענְסְטוּ דֶעם אִיד, וֶוען אִיךְ זֶע דֶעם אִיד דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ פוּן אַ דִיבּוּר פוּן מוֹהֲרָא״שׁ. מוֹהֲרָא״ש הָאט מִיר אַמָאל גֶעזָאגְט אִינְמִיטְן טַאנְצְן חוֹל הַמוֹעֵד סוּכּוֹת בַּיים רֶבִּינְ׳ס יָארְצַייט: ״קוּק אָן דֶעם אִיד, דָאס דַארְף מֶען קֶענֶען״.

עֶר פְלֶעגְט אַלְץ אַריינְשְׁפְּרִינְגֶען אִינְמִיטְן דֶעם רִינְג טַאנְצְן אַ קַאדַאטְשְׁקֶע, אַ פְרֵיילִיכֶע טַאנְץ; מוֹהֲרָא״ש זָאגְט מִיר: ״דוּ זֶעסְט דֶעם אִיד?״ בְּשָׁעַת עֶר הָאט גֶעטַאנְצְן מִיט אַזַא שִׂמְחָה, - ״דָאס דַארְף מֶען קֶענֶען״; וֶוען עֶס גֵייט גוּט, אַלְץ גֵייט כְּסֵדֶר, אַזוֹי וִוי מֶען וִויל - דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט קַיין

קוּנְץ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דֶעמָאלְט אִיז דָאךְ יֶעדֶער פְרֵיילִיךְ, עֶס גֵייט דָאךְ גוּט, נָאר וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ וֶוען מֶען הָאט אַ שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן - דָאס אִיז אַ קוּנְץ.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ וַואכְטְנַאכְט פוּן אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן, יַעֲקֹב הִלֵּל נֵרוֹ יָאִיר, אַ זוּן פוּנֶעם מְחוּתָּן, בַּיי זַיין שְׁוֶוער אִין שְׁטוּב. זַיין שְׁוֶוער אִיז אַן אֵיינִיקֶל פוּן הֵיילִיגְן רָאפְּשִׁיצֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, בֶּן אַחַר בֶּן, עֶס אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס פוּנֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זֶרַע קוֹדֶשׁ. אִיךְ הָאבּ אִים גֶעוִויזְן דֶעם שְׁטִיקֶל זֶרַע קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֵרָא (דִּבּוּר הַמַּתְחִיל וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה כוּ'), אַ שְׁטִיקֶל וָואס אִיז וָוארְט בַּיי וָוארְט פוּן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, עֶר פְרֶעגְט, מִיר גֶעפוּנֶען בַּיי דִי אִידְן אִין מִצְרַיִם, אַז דֶער דִיבּוּר אִיז גֶעוֶוען אִין גָלוּת. זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי פַּרְעֹה, פַּרְעֹה אִיז דִי אוֹתִיוֹת פֶּה רַע, נָאכְדֶעם אִיז גֶעוָוארְן פֶּסַח - פֶּה סָח; וֶוען מֶען אִיז אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אִיז גֶעוָוארְן דִי מוֹיל רֶעדְנְדִיג, לִכְאוֹרָה זֶעט מֶען אִין דִי תּוֹרָה, עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת ב, כג): "וַיִּזְעָקוּ, וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹקִים מִן הָעֲבֹדָה", זֶעט מֶען דָאךְ אַז מֶען הָאט יָא גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! זָאגְט עֶר מַמָּשׁ דִי וֶוערְטֶער וָואס מִיר הֶערְן פוּן רֶבִּי'ן, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען, זַיין מוֹיל אִיז פַארְמַאכְט אוּן פַארְשְׁלָאסְן, עֶר אִיז בַּיי פַּרְעֹה אִין מִצְרַיִם, זָאל עֶר פוּן דֶעם אַלֵיינְס מַאכְן אַ תְּפִלָּה, עֶר זָאל שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט פוּן דִיר, אִיךְ ווִיל דַאוֶוענֶען, אִיךְ ווִיל דִיר דִינֶען, הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער"; טַייטְשְׁט עֶר, דִי אִידְן אִין מִצְרַיִם זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי וַוייט, זֵייעֶר דִיבּוּר אִיז גֶעוֶוען אִין גָלוּת, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט דַאוֶוענֶען, זֵיי הָאבְּן אָבֶּער גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַיִּזְעֲקוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל: "מִיר ווִיל אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת!"

דִינְסְטָאג אִיז גֶעוֶוען דִי בְּרִית אִין יְשִׁיבָה, עֶר הָאט מִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט סַנְדְקָאוּת, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע בָּחוּרִים וָואס דַארְפְן שִׁידוּכִים, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ זֶענֶען אַזַא רַחְמָנוּת. גֶעדֶענְקְסְט אַוַודַאי ווִי שְׁוֶוער דִיר אִיז גֶעוֶוען בִּיז דַיין שִׁידוּךְ אִיז

אָנְגֶעקוּמֶען... אִיךְ וְויל דִיר טַאקֶע זָאגְן, יֶעצְט וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט מַסֶּכֶת מְגִילָה (דף יד.): "גְּדוֹלָה הֲסָרַת טַבַּעַת יוֹתֵר מִמ"ח נְבִיאִים", הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר'ן פָארְלֶערְנֶען דַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט אַלְס בָּחוּר, "שֶׁכֻּלָּן לֹא הֶחְזִירוּם לַמּוּטָב", אַלֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים פְּרוּבִּירְן צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם בָּחוּר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט, דֶער בָּחוּר וְויל מַאכְן דֶעם הֲסָרַת טַבַּעַת, עֶר וְויל נֶעמֶען דֶעם רִינְגְל אוּן גֶעבְּן פַאר זַיין כַּלָּה, "וְאֵלּוּ הֲסָרַת טַבַּעַת הֶחְזִירָתָן לְמוּטָב", דָאס טוּט מֶער אוֹיף וְוי אַלֶע מוּסָר וֶוערְטֶער, דִי בָּחוּרִים הָאבְּן זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי חִיזוּק.

אִינְמִיטְן דִי בְּרִית אִיז דֶער חָתָן נְתַנְאֵל מִיט דִי כַּלָּה אָנְגֶעקוּמֶען, מֶען הָאט גֶעמַאכְט בַּיים סְעוּדַת בְּרִית שֶׁבַע בְּרָכוֹת. אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסְן פוּן דֶעם, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעדֶענְקְט אַז דֶער חָתָן גֵייט קוּמֶען, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אָנְגֶעגְרֵייט מַיין שְׁטְרַיימְל, אִיךְ בִּין גֶעזֶעצְן מִיט מַיין הוּט בַּיי דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת.

בַּיי דִי סְעוּדַת בְּרִית הָאבְּן זַיינֶע שְׁוָואגֶערְס גֶעזִינְגֶען שֵׁיינֶע בָּאבּוֹב'עֶר נִיגוּנִים, יוֹם לְיַבָּשָׁה, אוֹיךְ הָאבְּן זֵיי גֶעזִינְגֶען אַרְבָּעָה נִקְרְאוּ נַחֲלָה; זֵייעֶר שֵׁיינֶע נִיגוּנִים. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט אַבִּיסְל דִּבְרֵי תּוֹרָה, מֶען הָאט זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת.

אֲפִילוּ דוּרְכְאוֹיס דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת טֶעג אִיז אָנְגֶעגַאנְגֶען דִי שִׁיעוּרִים אִין יְשִׁיבָה יוֹם יוֹם, אִיךְ הָאבּ פָארְגֶעלֶערְנְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ פָארְגֶעלֶערְנְט אַפָּאר פְּרָקִים רַמְבַּ"ם, הִלְכוֹת קָרְבַּן פֶּסַח.

נָאכְמִיטָאג אִיז גֶעוֶוען דֶער טֶעגְלִיכֶער שִׁיעוּר הִתְחַזְקוּת, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט: "אִיךְ בִּין אַ סוֹד, וָואס אֲפִילוּ מֶען זָאגְט אוֹיס דֶעם סוֹד - בְּלַייבּ אִיךְ נָאכְאַלְץ אַ סוֹד"; מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן נֶעמֶען זֵייעֶר גַאנְצֶע חַיוּת אוּן הִתְחַזְקוּת פוּן רֶבִּי'ן, זֵיי לֶעבְּן מִיט דִי שִׁיעוּרִים פוּן יְשִׁיבָה, זֵיי זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ'

מִיט דִי בְּרִיוּו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אֲשֶׁר בַּנַחַל, - דָאךְ ווִילְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט אִידֶענְטִיפִיצִירְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, זֵיי בְּלַייבְּן בַּיי זֵייעֶר טוֹיטֶע רֶבִּי.

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ פַּאר אֵיינֶער וָואס זָאגְט מִיר: "מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, מַיין אִידִישְׁקֵייט, מַיין שָׁלוֹם בַּיִת - אַלֶעס אִיז פוּן רֶבִּי'ן", זַייט עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן דִי שִׁיעוּרִים הָאט זִיךְ בַּיי אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן דָאס לֶעבְּן. עֶר זָאגְט מִיר אַז אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זַיין שַׁדְכָן, אִיךְ קוּק אִים אָן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס עֶר רֶעדְט, 'אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דַיין שַׁדְכָן? אִיךְ קֶען דִיר אֲפִילוּ נִישְׁט!' זָאגְט עֶר מִיר, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר נִישְׁט אָבֶּער פוּן וֶוען אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים הָאט זִיךְ בַּיי מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן דָאס חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע לֶעבְּן, עֶר זָאגְט מִיר: "זֶעסְט מֶען תְּפִילִין בַּייטְל? דָא דַארְף שְׁטֵיין דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה'ס נָאמֶען; אִיךְ פְלֶעג נִישְׁט לֵייגְן תְּפִילִין"; אִיךְ קוּק אִים אָן, אִיךְ טְרַאכְט 'וָואס רֶעדְט עֶר? עֶר זֶעט אוֹיס ווִי אַ ווָאוֹילֶער מֶענְטְשׁ'. עֶר זָאגְט מִיר: "אִיךְ הָאבּ אַ טָאכְטֶער, אִיךְ זוּךְ אַ שִׁידוּךְ, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר ווָאוּנְטְשְׁן", זָאג אִיךְ אִים: "אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ ווָאוֹילֶער בָּחוּר, אַ תַּלְמִיד פוּן יְשִׁיבָה", זָאגְט עֶר מִיר, נָא, אִיךְ קֶען נִישְׁט נֶעמֶען פוּן יְשִׁיבָה, פְּרֶעג אִיךְ אִים: "וָואס? דַיין וַוייבּ אִיז דִי מְנִיעָה?" זָאגְט עֶר: "נֵיין, מַיין וַוייבּ שְׁטוּפְּט מִיר אִיךְ זָאל נֶעמֶען אַ בָּחוּר פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, זִי זֶעט ווִי שֵׁיין אִיךְ רֶעדְט צוּ אִיר, זַייט אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אִיז גֶעוָוארְן אַ גַן עֵדֶן, זִי ווִיל נָאר אַ בָּחוּר פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אָבֶּער אִיךְ קֶען נִישְׁט נֶעמֶען אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה".

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶע'טַעֲנָה'עֶט, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁמֵייכְלְט. אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר, 'וָואס אִיז פְּשַׁט? דֶער אִיד זָאגְט דָאךְ אַלֵיינְס אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֵייגְט קַיין תְּפִילִין, יֶעצְט נָאכְן הֶערְן דְרָשׁוֹת פוּן רֶבִּי'נְ'ס וֶוערְטֶער לֵייגְט עֶר תְּפִילִין, פַארְוָואס ווִיל עֶר נִישְׁט נֶעמֶען אַן אֵיידֶעם וָואס וֶועט לֵייגְן תְּפִילִין אוּן רֶעדְן שֵׁיין צוּ זַיין טָאכְטֶער? אֶלָּא מַאי, אִיךְ בִּין אַ סוֹד, וָואס אֲפִילוּ מֶען דֶערְצֵיילְט דֶעם סוֹד בְּלַייבּ אִיךְ אַ סוֹד'.

דִינְסְטָאג נַאכְט הָאט מַיין שְׁוֶוער גֶעמַאכְט שֶׁבַע בְּרָכוֹת אִין וֵוייטְצֶענֶער

בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, דֶער מְחוּתָּן ר׳ יוֹאֵל הָאט זֵייעֶר שֵׁיין גֶערֶעדְט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) בְּמַעֲרָבָא, אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט אַ חָתָן, מָצָא אָדֶער מוֹצֵא, הָאסְט גוּט גֶעטְרָאפְן אָדֶער הָאסְט גֶעטְרָאפְן דֶעם טוֹיט? פְרֶעגְט עֶר, וָואס הָאבְּן זֵיי גֶעוָואלְט מִיט דִי פְרַאגֶע?

לָאמִיר זָאגְן דֶער חָתָן הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן, בַּיי אִים אִיז מַר מִמָּוֶת, בִּיטֶערֶער וִוי טוֹיט, נוּ וָואס ווִילְסְטוּ פוּן אִים? ווִילְסְט טְשֶׁעפֶּען?! וָואס אִיז דִי כַּוָּונָה פוּן דִי חֲכָמִים צוּ פְרֶעגְן מָצָא אוֹ מוֹצֵא? נָאר עַל פִּי הַקְדָּמוֹת רַבֵּינוּ ז״ל אִיז דָאךְ מַשְׁמַע אַז אַלֶעס אִיז תָּלוּי אִינֶעם מַאן, דֶער וָואס זָאגְט מָצָא טוֹב, אוּן דֶער וָואס זָאגְט מוֹצֵא אֲנִי מַר מִמָּוֶת - דָאס אִיז נִישְׁט פוּן אִיר זַייט, דָאס וַוייזְט וֶוער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז; דֶער וָואס זָאגְט וֶוען מֶען פְרֶעגְט אִים וִוי אַזוֹי גֵייט דַיין שָׁלוֹם בַּיִת? זָאגְט עֶר שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מָצָא אִשָּׁה מָצָא טוֹב, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי גוּט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גוּט צוּ מִיר - דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער אַז מֶען פְרֶעגְט אֵיינֶעם וִוי אַזוֹי גֵייט דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן עֶר זָאגְט זִי אִיז מִיר בִּיטֶערֶער פוּן טוֹיט, אִיז אַ סִימָן אַז מֶען דַארְף מְחַזֵּק זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים לֶערְנֶען עֶר זָאל ווִיסְן אַז אַלֶעס אִיז תָּלוּי אִינֶעם מַאן, אוֹיבּ וֶועסְטוּ זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט אַרַיינְנֶעמֶען אֱמוּנָה אִין דִיר, דוּ וֶועסְט גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער אִים, דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר, הַכֹּל לַכֹּל עֶצֶם עַצְמִיּוּת חַיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ; דִי וַוייבּ, דִי דְזַשָׁאבּ, דִי הוֹיז, דִי דִירָה, דִי קִינְדֶער, שְׁכֵנִים, מִשְׁפָּחָה, אַלֶעס אִיז אַ לְבוּשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעזָאגְט מַר מִמָּוֶת; דָאס הָאבְּן זֵיי גֶעוָואלְט.

מִיטְוָואךְ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע טָאג אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן אַ שִׁיעוּר בִּלְשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ פַאר דִי בָּחוּרִים וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין אִידִישׁ, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע נֵייעֶס פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. דִי יָאר אִיז גֶעוֶוען אִין דִי נֵייעֶס, צְוֵויי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען דָאס לֶעבְּן נָאכְדֶעם וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי נֵייעֶס אַז זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן,

אָן אַרַיינְגֵיין אוֹיב עֶס אִיז אֱמֶת אָדֶער נִישְׁט, דָאס הָאט מִיטְ'ן בַּאשֶׁעפֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת, עֶר אִיז דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַלֶע זַיינֶע מַעֲשִׂים, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט וָואס אִיז נוֹגֵעַ פַאר אוּנְז, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט וָואס מֶען בַּאקוּמְט פוּן רֶבִּי'ן, דִי חֵלֶק הַהִתְחַזְּקוּת.

דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַוַודַאי וָואס טוּט זִיךְ אִין בְּרֶסְלֶב דִי לֶעצְטֶערֶע יָארְן, דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ נֵייעֶ מִצְוָה, קוֹדֶם הָאבְּן זֵיי גֶע'רוֹדְפְ'ט מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִיט דִי גְרֶעסְטֶע רְדִיפוֹת, הַיינְט הָאבְּן זֵיי גֶעטְרָאפְן אַ נֵייעֶ צִיל, זֵיי רוֹדְפְ'ן אַ צְוֵוייטְן רַב, אַ מַשְׁפִּיעַ. דַיין זֵיידֶע אִיז דָאךְ אוֹיךְ פוּן דִי גְרוֹיסֶע לוֹחֲמִים. עֶס אִיז אַזוֹי עֶקְלְדִיג צוּ זֶען אִין בְּרֶסְלֶב, אִידְן וָואס שְׁטֵייעֶן אוֹיף יֶעדֶע נַאכְט זָאגְן חֲצוֹת אוּן זֶענֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד וְכוּ' וְכוּ', זָאלְן זִיךְ אַזוֹי נַארְן, זָאלְן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט לוֹחֵם זַיין, רֶעדְן אוֹיף אַנְדֶערֶע; אַנְשְׁטָאט צוּ רֶעדְן פוּן תַּכְלִית, פוּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה, רֶעדְן פוּן זִיךְ אָנְגְרֵייטְן אַרַיינְצוּכַאפְּן נָאךְ גוּטְס אוּן נָאךְ גוּטְס, אִיז מֶען פַארְנוּמֶען צוּ רֶעדְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט מַעֲשִׂיּוֹת, לָשׁוֹן הָרָע וְהוֹצָאַת שֵׁם רַע.

דָא קֶענְסְטוּ זֶען וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט, וֶוער עֶס הָאט דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן - דֶער נֶעמְט זִיךְ נִישְׁט דָאס לֶעבְּן, דֶער גֵייט וַוייטֶער אָן מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דֶער וָואס הָאט נִישְׁט דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן, דֶער פַארְלִירְט זִיךְ, אוּן אַז מֶען בַּאשְׁמוּצְט אִים, מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים - שִׁיסְט עֶר זִיךְ, אָדֶער הֶענְגְט עֶר זִיךְ.

אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, מֶען הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס פְלֶעגְט פַאסְטְן מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת, אַלֶע הָאבְּן אִים גֶעגֶעבְּן כָּבוֹד, אַלֶע הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר אִים, מֶען הָאט אִים גֶעגְרוּסְט: "גוּט שַׁבָּת!"

וַיְהִי הַיּוֹם, עֶס הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט אַ בֵּלְמוּס, עֶס אִיז אִים שְׁלֶעכְט גֶעוָוארְן, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר גֵייט חַלֶשְׁ'ן, הָאט עֶר זִיךְ גֶעוַואשְׁן אוּן גֶענוּמֶען פוּן דִי מַצָּה פוּן דִי עֵרוּבֵי חֲצֵרוֹת פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, דֶער מְשַׁמֵּשׁ הָאט

דָאס בַּאמֶערְקְט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ 'דֶער אִיד פָּאפְּט אָפּ אַלֶעמֶען, עֶר זָאגְט אַז עֶר פַּאסְט, יֶעצְט זֶע אִיךְ עֶר אִיז אַ גַנָב, עֶר גַנְבְ'עֶט דִי מַצָּה פוּן שְׁטָאט!' אָן צוּ גֵיין פְרֶעגְן דֶעם אִיד וָואס גֵייט פָאר, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן קוֹלוֹת: "גַנָב! פָּאפֶּער!!!" וֶוער עֶס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל הָאט דֶער מְשַׁמֵשׁ דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה, עֶר הָאט יֶענֶעם זֵייעֶר מְבַזֶה גֶעוֶוען. יֶענֶער הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אוּנְזֶער הִתְחַזְקוּת, עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן, עֶר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט אִידִישְׁקֵייט הַשֵּׁם יְרַחֵם.

וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אַ שָׁאד, אַ שָׁאד; וֶוען עֶר וָואלְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וָואלְט עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה"; עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין קוּנְץ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען אַלֶע גֶעבְּן כָּבוֹד, וֶוען אַלֶעס גֵייט גוּט, דִי קוּנְץ אִיז וֶוען אַלֶע רֶעדְן אוֹיף מִיר, אַלֶע שְׁפֶּעטְן, אַלֶע זֶענֶען מְבַזֶה - בְּלַייבּ אִיךְ אַ גֶעטְרֵייעֶר עֶבֶד צוּם בַּאשֶׁעפֶּער.

דָאס זֶעט מֶען יֶעצְט בַּיי דִי שׂוֹיְדֶערְלִיכֶע נֵייעֶס, מֶענְטְשְׁן זָאלְן זִיךְ אַזוֹי פַארְלִירְן אוּן זִיךְ הַרְגְ'עֶנֶען, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים וָואס הָאבְּן דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן בְּלַייבְּן גֶעטְרֵיי, דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיטְ'ן זֶעלְבְּן בְּרֶען.

בְּנוֹגֵעַ דַיין זֵיידֶע וָואס פִירְט אַ מִלְחָמָה מִיט הָרַב ... זָאלְסְטוּ וִויסְן, מוֹהֲרַא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט, דִי זַאכְן וָואס מֶען רֶעדְט וְכוּ' - אִיז נִישְׁט אֱמֶת.

בַּיינַאכְט אִיז גֶעוֶוען שֶׁבַע בְּרָכוֹת אִין קִרְיַת יוֹאֵל בַּיים זֵיידְן ר' אַבְרָהָם חַיִּים אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ בֵּית נְתַנְאֵל, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט אַבִּיסְל פוּנֶעם זֵיידְן רֶבִּי נְתַנְאֵל פָּארְקָאשׁ. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט, יֶעצְט בַּיים דֶעם שִׁידוּךְ אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט, וֶועם אִיךְ זָאג אִיךְ הָאבּ אַ שִׁידוּךְ גֶעטוּן, דֶער חָתָן'ס נָאמֶען אִיז נְתַנְאֵל פָּארְקָאשׁ, זָאגְן זֵיי, אָה! נְתַנְאֵל פָּארְקָאשׁ... יֶעדֶער אֵיינֶער, אֵיינְס בַּיי אֵיינְס וֵוייסְט פוּן דֶעם אִיד ר' נְתַנְאֵל פָּארְקָאשׁ, מֶען זֶעט וָואס שְׁלֹמֹה

הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ז, א): "טוֹב שֵׁם מִשֶּׁמֶן טוֹב", אַ גוּטֶע נָאמֶען גֵייט אַזוֹי וַוייט אוּן פַאר לַאנְגֶע יָארְן.

פוּן קִרְיַת יוֹאֵל בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת שֶׁבַע בְּרָכוֹת, בַּייְנַאכְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט גוּט גֶעשְׁפִּירְט, אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט גוּט גֶעשְׁפִּירְט, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן גוּט, נָאכְמִיטָאג אִיז מִיר בֶּעסֶער גֶעוָוארְן, בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער, נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ פָארְגֶעלֶערְנְט אַ בְּלַאט גְמָרָא פַאר דִי עֶלְטְסְטֶע כִּתָּה, מִנְחָה מַעֲרִיב הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶונְט אִין שְׁטֶעטְל; עֶס אִיז אַ פְרֵיילִיכֶע פְּלַאץ, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען מֶער אוּן מֶער צוּ מַיינֶע כֹּחוֹת.

בַּייְנַאכְט אִיז גֶעוֶוען שֶׁבַע בְּרָכוֹת אִין קִרְיַת יוֹאֵל בַּיים מְחוּתָּן אִין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַן אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְלִיכֶע שֵׁיינֶע שֶׁבַע בְּרָכוֹת, מֶען הָאט גֶערֶעדְט אוּן גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן רֶבִּי'ן, עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ שְׁמוּעֶס בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ שִׁיעוּר, אִיךְ הָאבּ מְחַזֵּק גֶעוֶוען דִי מֵפִיצִים זֵיי זָאלְן פוּן פְרִישׁ אָנְהֵייבְּן הַפָּצָה, אַז יֶעצְט אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען דִי נֵייעֶס, אַ אִיד הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען דָאס לֶעבְּן, דֶער אִיד קוּמְט פוּן קִרְיַת יוֹאֵל - דַארְפְן מִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין הַפָּצָה.

אֵיינֶער, אַ שָׁכֵן, הָאט אַרַיינְגֶעשְׁרִיגְן: "וָואס הָאט דָאס מִיט קִרְיַת יוֹאֵל? וָואס אִיז קִרְיַת יוֹאֵל שׁוּלְדִיג?" יֶענֶער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעקָאכְט, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט, קֵיינֶער רֶעדְט נִישְׁט אוֹיף קִרְיַת יוֹאֵל, דֶער שְׁטֶעטְל קִרְיַת יוֹאֵל אִיז אַ הֶערְלִיכֶע שְׁטָאט, אַן עִיר וָאֵם בְּיִשְׂרָאֵל, אִיךְ וִויל מְחַזֵּק זַיין דִי מֵפִיצִים פוּן קִרְיַת יוֹאֵל זֵיי זָאלְן עוֹסֵק זַיין מֶער אִין הַפָּצָה, אַז אַזַא זַאךְ זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן.

נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעהֶערְט פוּן הַמֵּפִיץ, הָאַבְרֵךְ הִלֵּל וֵוייס נֵרוֹ יָאִיר, אַן אֵיידֶעם פוּן מַיין מְחוּתָּן ר' יוֹאֵל טֵייטְלְבּוֹים נֵרוֹ יָאִיר, הָאט עֶר

דֶערְצֵיילְט, עֶר גֶעבְּט יֶעדֶע וָואךְ פַּאר אַ אִיד דִי גִלְיוֹנוֹת אוּן דִי קוּנְטְרֵסִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, דֶער אִיד אִיז אַ קִרְיַת יוֹאֵל'עֶר אַיינְוואוֹינֶער, דֶער אִיד אִיז אַ נָאנְטֶער חַבֵר מִיט דֶעם אִיד וָואס הָאט זִיךְ יֶעצְט גֶענוּמֶען דָאס לֶעבְּן, בֵּיידֶע זֶענֶען עֶלְנְדֶע מֶענְטְשְׁן, יֶעצְט אִיז דֶער אִיד גֶעוֶוען אַפָּאר טֶעג אִין שְׁטוּבּ, הָאט מֶען גֶעשְׁמוּעֶסְט אוֹיף אִים, אֶפְשָׁר הָאט עֶר זִיךְ אוֹיךְ גֶע'הַרְג'עֶט רַחֲמָנָא לִצְלָן, רוּפְט עֶר אָן דֶעם מֵפִיץ אוּן זָאגְט: "מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן מִיר צִי אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיךְ גֶענוּמֶען דָאס לֶעבְּן אַזוֹי וִוי מַיין חַבֵר, אִיךְ נֶעם זִיךְ נִישְׁט דָאס לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, מִיר אִיז גוּט, מִיר אִיז פֵיין, אִיךְ הָאבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֶועל נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוען זַאכְן גֵייעֶן מִיר נִישְׁט וִוי אַזוֹי אִיךְ ווִיל".

הֶערְסְט וֶוערְטֶער? אִיךְ הָאף דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן כֹּחַ צוּ גֵיין הֲפָצָה; אִין מַאנְטְשֶׁעסְטֶער בִּיסְטוּ דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער מֵפִיץ, אִיךְ וַוארְט אוּן הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָנְצִינְדְן מַאנְטְשֶׁעסְטֶער, זַיי אַלֶע מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ דִי אֱמוּנָה.

אַ שָׁאד מֶען הָאט דָאס נִישְׁט אָפְּגֶעכַאפְּט, עֶס אִיז גֶעוֶוען גוּטֶע הִתְחַזְקוּת, דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער.

שַׁבָּת שֶׁבַע בְּרָכוֹת אִיז גֶעוֶוען אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי; מַיינֶע עֶלְטֶערְן, טַאטֶע מַאמֶע, שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען מִיטְהַאלְטְן דִי שִׂמְחָה, אוֹיךְ בְּרוּדֶערס אוּן שְׁוָואגֶערְס זֶענֶען גֶעקוּמֶען. אִיךְ מוּז אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען לְשֶׁבַח פוּן דִי מִשְׁפָּחוֹת אִין שְׁטֶעטְל, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט גֶעהָאלְפְן, מֶען הָאט אוּנְז זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען, אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט הַכְנָסַת אוֹרְחִים, אַזוֹי שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען דִי גֶעסְט, אוֹיךְ הָאבְּן דִי מִשְׁפָּחוֹת גֶעהָאלְפְן מִיט דִי סְעוּדָה, אֵיינֶער הָאט גֶעמַאכְט לָאקְשְׁן, אַ צְוֵוייטֶער קִישְׁקֶע, אַנְדֶערֶע הָאבְּן גֶעשִׁיקְט קוּגְל מִיט קֶעיק.

אוֹיךְ זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ פָארְן מִיטְהַאלְטְן דִי שֵׁיינֶע שַׁבָּת,

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֶערְלִיכֶע שַׁבָּת. מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעדַאוֶוענְט מִנְחָה, קַבָּלַת שַׁבָּת הָאט גֶעדַאוֶוענְט מַיין שְׁוָואגֶער, מַיין שְׁוֶוער'ס זוּן, דִי סְעוּדָה הָאבְּן מִיר גֶעגֶעסְן אִין שׁוּל אוּנְטֶער מַיין דִירָה, נָאךְ דִי סְעוּדָה זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זִיךְ מִיט פְרֵייעֶן מִיט דִי שִׂמְחָה, דֶער מְחוּתָּן ר' יוֹאֵל נֵרוֹ יָאִיר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז זַיין זֵיידֶע ר' נְתַנְאֵל עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַלְס בָּחוּר קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעהֶערְט פוּן אַנְדֶערֶע וָואס דֶערְצֵיילְן אַז זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען קוּנְטְרֵסִים פוּן ר' נְתַנְאֵל.

מַיין שְׁוֶוער שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט, בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים הָאט עֶר גֶעזָאגְט, אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט ווִי אַזוֹי קֶען מֶען מְקַיֵּים זַיין מְשַׂמֵּחַ זַיין חָתָן וְכַלָּה אִין בְּרֶסְלֶב, דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר הָאבְּן דָאךְ שְׁטֶענְדִיג אַ מִצְוָה פוּן רֶבִּי'ן, מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, הָאט עֶר גֶעזָאגְט, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין קַשְׁיָא, עֶס אִיז גָאר פַארְקֶערְט, דַּיְקָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען פְרֵיילִיךְ, זֵיי קֶען מֶען נָאכְמֶער פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

אוֹיךְ הָאט מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א גֶערֶעדְט, עֶר הָאט דֶערְמַאנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ סַאסוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אוֹיף שַׁבָּת פַּרְשַׁת בֹּא בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים מְכַבֵּד גֶעוֶוען צוּ זָאגְן תּוֹרָה, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת יב, כז): "אֲשֶׁר פָּסַח עַל בָּתֵּי בְנֵי יִשְׂרָאֵל", לִכְאוֹרָה וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין "מֵעַל בָּתֵּי בְנֵי יִשְׂרָאֵל", נָאר וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען קַיין מִצְרַיִם הָאט עֶר גֶעזֶען אַז עֶס אִיז פוּל מִיט עֲבוֹדָה זָרָה, אָבֶּער ווִי עֶר הָאט גֶעזֶען אַ אִידִישֶׁע הוֹיז אִיז עֶר כִּבְיָכוֹל גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן: "דָא וואוֹינְט אַ אִיד! דָא וואוֹינְט אַ אִיד!" וֶועגְן דֶעם שְׁטֵייט "עַל בָּתֵּי בְנֵי יִשְׂרָאֵל", אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ'ן טִישׁ אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן: "דָא וואוֹינְט אַ אִיד! דָא

וואוֹינְט אַ אִיד !״ אִינְמִיטְן רֶעדְן אִיז מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א צֶעקָאכְט גֶעוָוארְן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן: ״דָא וואוֹינְט אַ אִיד !״

אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעזָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער, אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּיי דִי כֹּחוֹת יֶעצְט, אִיךְ וֶועל דִיר דָאס נָאךְ שְׁרַייבְּן.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט בְּחַבְרוּתָא מִיט יִשְׂרָאֵל יוֹסֵף שְׁנִיצְלֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ שִׁיעוּר יָארְן צוּרִיק וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר, מִיר הָאבְּן דֶעמָאלְט דוּרְכְגֶעלֶערְנְט דֶעם זוֹהַר, כִּמְעַט דֶעם גַאנְצְן זוֹהַר, יֶעצְט פְּרוּבִּיר אִיךְ מַשְׁלִים צוּ זַיין דִי פָּאר פַּרְשִׁיּוֹת וָואס מִיר הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט. עֶס אִיז אַזוֹי זִיס צוּ לֶערְנֶען שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי זוֹהַר, עֶס אִיז אַן אַנְדֶערֶע זוֹהַר שַׁבָּת, אוּן שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אִיז דָאס גָאר אַנְדֶערְשׁ.

מַיין טַאטֶע הָאט גֶעלֵיינְט קְרִיאַת הַתּוֹרָה.

נָאכְן דַאוֶונֶען בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען מִיט מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א צוּם שְׁטוּבּ פוּן אוּנְזֶער נֵייעֶר דַיָּין, מַיין טַאטֶע אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען קִידוּשׁ מַאכְן לְחַזֵּק תּוֹרָה, מְחַזֵּק זַיין דֶעם דַיָּין שְׁלִיטָ״א מִיט זַיין בְּנֵי בַּיִת תִּחְיֶ'. דִי שֵׁיינֶע מִדָּה הָאט מַיין טַאטֶע גֶעלֶערְנְט פוּן זַיין טַאטֶע, מַיין זֵיידֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר הָאט גֶעהַאט דִי גָאלְדֶענֶע מִדָּה, וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַ צוּרְבָא מֵרַבָּנָן הָאט עֶר אִים כָּבוֹד גֶעגֶעבְּן אוּן אִים אוֹיפְגֶעבּוֹיט, אַזוֹי הָאט עֶר אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט זֵייעֶר אַסַאךְ רַבָּנִים, דַיָּנִים.

שַׁבָּת מִיטָאג סְעוּדָה אִיז גֶעוֶוען אִין שׁוּל.

נָאךְ דִי סְעוּדָה בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן מִיט מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ' אוּן מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ', מַיין מַאמֶע הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי פְּלַאץ, זִי הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט וִוי אַלֶע פְּרוֹיעֶן הָאבְּן אִיר זֵייעֶר שֵׁיין בַּאגְרִיסְט, אַלֶע זֶענֶען פְרֵיילִיךְ, זִי זָאגְט מִיר עֶס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ זֶען אַ פְּלַאץ וואוּ יֶעדֶער אִיז פְרֵיילִיךְ, זִי פְרֶעגְט מִיר וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ, אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת זָאלְן זַיין צוּפְרִידְן, קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין? אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעזָאגְט, דֶער כֹּחַ אִיז

פוּן רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי אִיז אַזוֹי מְחַזֵּק, אַזוֹי מְשַׂמֵּחַ; אַלֶע דָא אִין שְׁטֶעטְל לֶעבְּן מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן, דֶערִיבֶּער אִיז יֶעדֶער פְרֵיילִיךְ.

מַיין מַאמֶע תְּחְיֶ׳ הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, פְרוֹיעֶן הָאבְּן אִיר גֶעפְרֶעגְט וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לִיכְטִיג מַאכְן דִי וֶועלְט, הָאט זִי זֵיי גֶעזָאגְט עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וָואס מֶען וִויל, וָואס אִיז דִי שְׁטְרֶעבְּן פוּן דִי מַאמֶע, אוֹיבּ דִי מַאמֶע וִויל קִינְדֶער צַדִיקִים אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם, אַיי וֶועסְטוּ פְרֶעגְן, וֶוער וִויל דֶען נִישְׁט קִינְדֶער צַדִיקִים? זָאגְט זִי מִיר, אַלֶע פְרוֹיעֶן, אַלֶע מַאמֶעס ווִילְן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אָבֶער זֵיי ווִילְן נָאךְ אַסַאךְ זַאכְן, זֵיי הָאבְּן נָאךְ אַסַאךְ אַגֶענְדֶעס וְכוּ׳, אַ פְרוֹי וָואס וִויל נָאר דִי אֵיין זַאךְ, אִיר לֶעבְּן אִיז קִינְדֶער צַדִיקִים, אִיר לֶעבְּן אִיז קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן טוּן דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דִי זֶענֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם.

מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א הָאט גֶערֶעדְט בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט דִי קְהִילָה גֶעמַאכְט שֶׁבַע בְּרָכוֹת, עֶס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אִינֶעם חֵדֶר בִּנְיָן. בַּיים זִינְגֶען דִי זְמִירוֹת, דִי מַעֲשֶׂה פוּן ״אִישׁ חָסִיד הָיָ״, אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז גֶעקוּמֶען אִים הֶעלְפְן אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אַ בִּנְיָן פוּן הִימְל, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט, דֶער חֵדֶר בִּנְיָן אִיז מַמָּשׁ אַזַא מַעֲשֶׂה, וֶוען מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם שְׁטֶעטְל, מִיר הָאבְּן גֶעזוּכְט אַ פְלַאץ פַאר דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן מֵיידְל שׁוּלֶע, מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעוִוּסְט וָואס צוּ טוּן, מִיר הָאבְּן אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פְּלוּצְלוּנְג הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען דֶעם בִּנְיָן, מַמָּשׁ אַ נֵס פוּן הִימְל.

עֶס זֶענֶען זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם, דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל; בְּמֶשֶׁךְ דֶעם שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ נָאר גֶעטְרָאפְן אַ קְלֵיין חֵלֶק פוּן שְׁטֶעטְל, דֶער שְׁטֶעטְל אִיז אַזוֹי שֵׁיין צוּוַאוַואקְסְן, מִיר הָאבְּן הַיינְט שׁוֹין פִיר בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים, דֶעם שַׁבָּת פַּרְשַׁת בֹּא הָאבְּן מִיר גֶעעֶפֶנְט נָאךְ אַ שׁוּל אוֹיף מַארְקֶס, עֶס קוּמְט נִישְׁט אוֹיס זִיךְ צוּ זֶען שַׁבָּת, מוֹצָאֵי שַׁבָּת זֶענֶען אַלֶע גֶעקוּמֶען, אוֹיךְ זֶענֶען גֶעקוּמֶען

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן קִרְיַת יוֹאֵל, מָאנְסִי אוּן אֲפִילוּ פוּן וִוילְיַאמְסְבּוּרְג.

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער. בְּמֶשֶׁךְ דֶעם שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶערֶעדְט, אוּן דָאס בִּיסְל וָואס אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט אִיז גֶעוֶוען מִיט אַן אֵיינְגֶעהַאלְטְנְקֵייט צוּלִיבּ מִשְׁפָּחָה, בַּיים מְלַוֶּה מַלְכָּה זֶענֶען שׁוֹין אַלֶע אַהֵיים גֶעפָארְן הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער חָתָן הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען שַׁ"ס, דָאס אִיז אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בִּכְלַל נִישְׁט קַיין אוֹיפְטוּ, עֶס אִיז פוּן דִי זַאכְן וָואס יֶעדֶער בַּר מִצְוָה בָּחוּר, יֶעדֶער אִינְגְל - טוּט, בַּיי דִי וֶועלְט אִיז דָאס אַזַא וַוייטֶע זַאךְ, מֶען קוּקְט אוֹיפְ'ן שַׁ"ס מִיט יֵאוּשׁ, וְוִי עַל מְנָת שֶׁתַּעֲלֶה לְרָקִיעַ, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן שְׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ הָאבּ נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט דִי תַּקָּנוֹת פוּן שְׁטֶעטְל, אֵיין תַּקָּנָה הָאבְּן מִיר גֶעמַאכְט, מֶען דַארְף הָאבְּן שְׁלוֹם בַּיִת, אַז מֶען הָאט שְׁלוֹם בַּיִת וֶועט מֶען שׁוֹין מִמֵּילָא זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, מֶען וֶועט זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן בַּיינַאכְט אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ, מֶען וֶועט אַלֶעס הָאבְּן.

דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבָה וָואס כַאפְּט זִיךְ אַריין אִין אַ מֶענְטְשׁ 'גֶט זִיךְ', 'גֶט זִיךְ וֶועסְטוּ נִישְׁט לַיידְן'; דִי מַחֲשָׁבוֹת זֶענֶען פוּן דִי קְלִיפּוֹת, שֵׁדִים וְרוּחוֹת רָעוֹת; אַ אִיד טָאר נִישְׁט אַזוֹי טְרַאכְטְן. אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט פָאלְגְן, זֵיי הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט: "אִיךְ בִּין מְחוּיָּב צוּ לַיידְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן וֶועגְן דִי שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹי? !" אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי זֵיי, גֶט זִיךְ נִישְׁט, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט נִישְׁט לַיידְן, אוֹיבּ מֶען גֶט זִיךְ וֶוערְט נִישְׁט גְרִינְגֶער, עֶס וֶוערְט נָאר שְׁוֶוערֶער דָאס לֶעבְּן, הַיינְט צוּ טָאגְס וַויינֶען זֵיי, אַלֶע זָאגְן מִיר זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶערֶעכְט גֶעוֶוען, יֶעצְט לַיידְן זֵיי נֶעבֶּעךְ אָן אַ שִׁיעוּר.

טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת 'מַיין

וַוייבּ אִיז אַזוֹי, זִי אִיז אַזִי', "יֶענֶער הָאט בֶּעסֶער חֲתוּנָה גֶעהַאט וְכוּ' וְכוּ'", דָאס אִיז פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, עֶר מִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר מַאכְט פוּן רַע - טוֹב, אוּן פוּן טוֹב - רַע, אַז עֶס קוּמֶען אַרַיין דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת דַארְף מֶען גֵיין אִין אַ זַייט וַויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ דִי וֶוערְטֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ וַויס נִישְׁט וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט מִיר, אִיךְ בִּין נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן מַיין וַוייבּ, אִיךְ טְרַאכְט נַארִישֶׁע מַחֲשָׁבוֹת פוּן זִיךְ גֶט'ן, אִיךְ טְרַאכְט נָאר שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִיר, בַּאשֶׁעפֶער וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט מִיר? אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי, פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַזַא כְּפוּי טוֹבָה? דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער, פַארְוָואס זָאל אִיךְ טְרַאכְטְן מַחֲשָׁבוֹת פוּן זִיךְ גֶט'ן? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וואוּ אִיז מַיין שֵׂכֶל? וואוּ בִּין אִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט?! אַלֶעס אִיז וַוייל אִיךְ הִיט נִישְׁט מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ קוּק אוֹיף פְרֶעמְדֶע, אִיךְ הִיט נִישְׁט מַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה, דָאס מַאכְט מִיךְ בְּעַצְבוּת, עֶס וַוארְפְט מִיךְ אַרָאפּ אִין מָרָה שְׁחוֹרָה, אִיךְ וֶוער נֶערְוֶועז פוּן מַיין וַוייבּ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל זֶען אִין מַיין וַוייבּ וָואס אִיךְ דִמְיוֹן אִין אַנְדֶערֶע"; דָאס אִיז דִי עֵצָה, תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת.

דִי וָואךְ זֶענֶען מִיר מְסַיֵּים מַסֶּכֶת מְגִילָּה, מִיר הֵייבְּן אָן מַסֶּכֶת מוֹעֵד קָטָן. מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן טוֹיזְנְטֶער בְּרִיוו פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְמָרָא. גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט דִי קְלִיפּוֹת, עֶס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אָן אַפִּיעֶל בַּיים שֶׁבַע בְּרָכוֹת, אִיךְ הָאבּ אַפֶּעלִירְט צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זַייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פַאר'ן רֶעדְן, אִיךְ הָאבּ גֶעהִיסְט, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ שְׁוַואכֶע קוֹל, שְׁפֶּעטֶער בַּיים טַאנְצְן אִיז מִיר בֶּעסֶער גֶעוָוארְן, וָואס אַ מִינוּט מֶער אִיךְ הָאבּ גֶעטַאנְצְן - אִיז מִיר גֶעוָוארְן בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער, מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד) שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרַאנְקְהֵייטְן.

עֶס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה, יִצְחָק לִיכְטֶנְשְׁטֵיין נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי דוּ קֶענְסְט אִים, עֶר אִיז גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אָבֶּער דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעוֶוען דִי יָאר בַּיי אוּנְז אִין בִּנְיָן, אִיךְ הָאבּ גֶעשִׁיקְט דַיין בְּרוּדֶער זָאל דִיךְ רוּפְן, לְמַעֲשֶׂה הָאסְטוּ גֶעהַאט עֶפֶּעס מְנִיעוֹת וְכוּ׳.

דֶער בָּחוּר הָאט מִיךְ גֶעטְרָאגְן צוּם מְלַוֶּה מַלְכָּה אוּן אַהֵיים גֶענוּמֶען, אַ גַאנְצֶע וֶועג הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן פַּאר אִים עֶר זָאל טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ.

אִיךְ דַארְף שׁוֹין עֶנְדִיגְן שְׁרַייבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...